STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04042

DER FOLKS-ZINGER FUN BRONZVIL

Solomon Davidman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער פאָלקס-זינגער
פון בראָנזוויל

די לעבנס-באַשרייבונג פון

חיים זינגער

(אַ מתנה צו זיין 70-יאָריקן געבורטסטאָג)

צונויפגעשטעלט פון **שלמה דאַווידמאַן**

ארויסגעגעבן פון „אייגענע און פריינט", ניו-יאָרק.

מערץ, 1947

Der Folks-Zinger fun Bronzvil

The Life Story of Chaim Singer

compiled by Solomon Davidman

★

דאַנק-אויסדרוק פון חיים זינגער

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק צו די אַלע וואָס האָבן מיר געהאָלפן אַרויסגעבן מיין בוך „דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל". אַ ספּעציעלן דאַנק חבר ש. דאַווידמאַן, מיין ברענטש 121, א.פ.פ.אָ., דעם בראָנזווילער אמבידזשאַן, און דערהויפּט מיין זון און טעכטער און מיינע ברידער. אויך אַ דאַנק די חברים מעקס און פּעני בלאַק, חברים נייבערג, סילווער, פּריי-לעך פון בר. 11. אַ דאַנק אויך די חברים זעצער דוד סעלצער און בנימין קאַץ פאַר העלפן אין דער טעכנישער אַרבעט פון בוך.

חבריש, ח י י ם ז י נ ג ע ר .



חיים זינגער

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

2טער מערץ, 1944, ברוקלין.

טייערער חבר חיים זינגער:

ס'פאַרדריסט מיר, וואָס צוליב מיין שלעכטן געזונט וועל איך נישט קענען זיין צו אייער 65-יאָריקן יובילײ. ווען איך טראַכט פון אייך, איז אָט וואָס קומט מיר אויפן זינען:

חיים זינגער

פינף און זעכציק יאָר און ווייס ווי אַ טויב,
נאָר ער קאָן נישט זיין רואיק . . . ער גיט זיך אַ הויב:
„אַ נו, לאָמיר זינגען!" — ער מאַכט מיט די הענט
ריטמיש און זיכער, ווי אַ דיריגענט,
און באַלד טראָגט אַ ליד זיך פון קאַמף, פון דעם קריג,
עס מאָנט און עס פאָדערט: „אַלץ פאַרן זיג!"

אַ זינגער פון פאָלק, פון די פשוט'ע מאַסן —
ער האָט ליב צו זיי רעדן אויף ראָגן און גאַסן;
ער האָט ליב זיי דערציילן מעשות און וויצן,
אים האַלטן נישט אָפּ נישט קעלטן, נישט היצן,
און וואו נאָר אַ שמחה, זינגט ער די סאָוועטן אַ לויב —
און ער פאַרגעסט גאָר, אַז ער איז שוין גרוי ווי אַ טויב . . .

איך ווינטש אייך ערשטנס, אַז איר זאָלט דערלעבן היטלער'ס מפלה גאָר אין גיכן, צווייטנס, אַז איר זאָלט נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן זיין מיט אונדז, „דער זינגער פון פאָלק".

אייערע,

חנה סאַפּראַן.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

חיים זינגער

שוין יאָרן און יאָרן, אַז מיר קענען דעם שטענדיק־פריילעכן פאָלקזינגער חיים זינגער. מיר באַגעגענען זיין נאָמען אין דער פרעסע עטלעכע מאָל אַ וואָך. מיר טרעפן זיך מיט אים ביי פאַרשיידענע שמחות (סימכעס) אין דער פּראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג. און ווען ער איז דאָ ביי אַ פאַרוויילונג, ווייסט מען שוין, אַז עס וועט זיין פריילעך און לעבעדיק.

נאָר איידער מע רופט אויס זיין נאָמען, אַז ער זאָל אויפטרעטן, דאַכט זיך אייך, אַז די נאַטור האָט דאָ באַוויזן אַ וואונדער: אַ איד מיט אַ ווייסן זילבערנעם קאָפּ, דאָס פּנים האָט שוין אַ היפּש ביסל קנייטשן, נאָר ריין און אָפּגעראַזירט; אַ שיין־אויסגעטאָקטע נאָז, צוויי יונגע אַרומלויפנדיקע אויגן, אומגעדולדיקע, וואָס דערציילן, אַז דער מענטש רייסט זיך, ער האָט קיין צייט ניט, ער מוז עפּעס זייער וויכטיקס איבערגעבן די מענטשן.

ווי אַלט איז חיים (כייעם) זינגער? — מיר ווינטשן אים פון טיפן האַרצן, אַז ער זאָל לעבן ביז 140 יאָר. מיר ווילן, אַז ער זאָל דערלעבן צו זען אַ שיינע פרייע וועלט, וואָס זאָל ניט וויסן פון קיין שנאה (סינע) פון איינעם צום צווייטן, פון איין פאָלק צום צווייטן. פאַר דער צוקונפטיקער שיינער וועלט האָט ער אַוועקגעגעבן די מערסטע יאָרן פון זיין לעבן.

אָבער וויפל איז ער אַלט, חיים זינגער? — לויטן אויסקוק איז ער אַ איד פון אַרום 70 יאָר. לויט זיינע דאַטעס גיט ער אָן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1877. און אַזוי ווי מע האָט אין די אַמאָליקע יאָרן זייער וויניק געהאַלטן פון פאַרשרייבן קינדער, ווען זיי זיינען געבוירן געוואָרן, ס'זאָל זיי קיין עין־הרע (אַייען־האָרע — בייז־אויג) ניט געשען, און אַזוי ווי חיים זינגער האָט נאָך געהאַט אַ פולע הויז מיט ברידערלעך און שוועסטערלעך, — ווייסן מיר ניט צי די דאַטע שטימט.

אָבער ווען חיים זינגער שטעלט זיך אַוועק פאַרן עולם (אוילעם) זינגען, דערציילן שפּאַסן, לייענען אַ מעשה (מייסע), דאַכט זיך אייך, אַז פאַר אייך שטייט אַ יונגערמאַנטשיק, אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, און עס גיסט זיך פון זיין מויל פרייד און געזאַנג, און דער פאַרזאַמלטער עולם ווערט באַלד באַגייסטערט.

וועגן דער זאַמלונג

איך האָב פיל מאָל געטראַכט וועגן אַזעלכע מענטשן ווי חיים זינגער. איך האָב באַגעגנט אַזעלכע טיפּן אין די שטעט איבערן לאַנד, וואו איך בין געווען אַ לערער פון די אָרדן־שולן. פיל פון זיי האָב איך פאַרשריבן אין מיינע דערציילונגען. אָט די פאָלק־מענטשן זיינען זיך מקריב (מאַק־ריוו) פאַר די פאָלק־אָרגאַניזאַציעס. זיי גיבן אַוועק זייער צייט און מי און געלט פאַר די אידישע קינדער־שולן, פאַרן אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, פאַר דעם איקאָר, פאַר די געזאַנג־ און דראַמאַטישע סעק־ציעס, פאַר די קאָמוניסטישע קלובן, פאַר דער אַנטי־פאַשיסטישער פאָלק־ציטונג, די „מאָרגן־פרייהייט".

וואָס איז דער כוח (קויעך), וואָס טרייבט אַזעלכע פאָלק־פריינט ווי חיים זינגער אַוועקצוגעבן זייער לעבן פאַרן וואוילזיין פון די פאָלק־מאַסן? — דעם ענטפער מוזן מיר געפינען אין זייער שווערן לעבנס־וועג. זיי האָבן פיל געליטן אין זייער לעבן, דערפאַר פילן זיי און פאַר־שטייען, אַז מע דאַרף איינאָרדענען אַ שענער לעבן, אַ בעסערע וועלט, וואו מענטשן זאָלן ניט דאַרפן ליידן.

פון אַנדערע פאָלק־מענטשן האָב איך געשריבן אָפּהאַנדלונגען, פאַר־טרעטן און דערציילונגען. אָבער פון חיים זינגער האָב איך געהאַט אַ פאַרלאַנג אָנצושרייבן אַ גרעסערע זאַך. ער האָט עס זיכער פאַרדינט. זאָלן די לייענער, זיינע אייגענע און פריינט און באַקאַנטע, זיך אָראָפּנע־מען אַ ביישפּיל פון אַ מענטשן, וואָס גיט אַוועק זיין טאַלאַנט, זיין לעבן, פאַר דעם וואוילזיין פון פאָלק.

ניט לאַנג צוריק, ביי אַן אָוונט פון שול 27 פון אידישן פראַטערנאַלן פאָלק־אָרדן, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן לכבוד (לעקאָוועד) די אָרדן־ברענטשעס 133 און 437, פאַר דעם בראָנזווילער טייל פון עמאַ לאַזאַרוס פרויען־קלוב און פאַר מאיר לעווין קולטור־קלוב, — פאַר זייער הילף, וואָס די אָרגאַניזאַציעס טראָגן צו צו דער שול 27, — (וואו איך בין גע־ווען לערער 1943־44־45) איז חיים זינגער ווידער אויפגעטראָטן מיט זיינע לידער און שפּאַסן. און דער עולם האָט אים זייער פיין אויפגענו־מען. נאָך זיין זינגען מיט די פאַרזאַמלטע, איז ער געוואָרן אַ צעשטראַל־טער, אַ צעוואָרעמטער און אַ צופרידענער. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און זיך מיט אים דורכגערעדט. און פון דעם שמועס איז אויסגעוואַקסן דאָס בוך, וואָס איר לייענט איצט.

חיים זינגער האָט מיר געבראַכט אַ בוך מיט פאַרצייכענונגען פון זיין לעבן. פון די פאַרשריבענע גרויסע בלעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַן אומאָרדענונג, שעפּן מיר דעם מאַטעריאַל.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

„מאָרגן פרייהייט"

50 איסט 13טע גאַס, ניו־יאָרק, נ. י.

דעצעמבער 15, 1936.

טייערער, האַרציקער חבר זינגער:

אַן אמת חברשן דאַנק אייך פאַר דעם ליבן בריוו, וואָס איר האָט מיר צוגעשיקט, און פאַר די געפילן, וואָס איר האָט אין אים אויסגעדריקט.

עס איז אַ גרויסע פרייד צו וויסן, אַז אַ מענטש האָט אַזוינע פריינט. וועגן דעם עיקר, וואָס איר שרייבט, וויל איך אייך אָבער זאָגן, אַז די אַר־בעט האָט איר לאָגיק און אַז, ווען אַ מענטש שטייט אויף אַ געוויסן פּאָסטן, מוז ער דערפילן געוויסע פליכטן.

דאָס איז זייער איינפאַך — און דאָס טו איך לויט מיינע קרעפטן. ווי איר זעט, איז נאָך דאָ קרעפטן.

נאָכאַמאָל, אַ דאַנק אייך פאַר דעם וואַרעמען בריוו.

אייער, **מ. אָלגין.**

ביי יעקב שיפּערס לוויה האָט חבר זינגער געבעטן אָלגינען
צו היטן זיין געזונט.

אָלגינס בריוו איז אַן ענטפער אויף חיים זינגערס אַ בריוו. חיים זינגער בעט אין זיין בריוו אָלגינען, אַז ער זאָל אָפּהיטן זיין געזונט.

⁂

אין קעמפּ קינדערלאַנד, אין אַ קילן אָוונט, האָט חבר אָלגין אַרומ־שפּאַצירט אָן אַ סוועדער. חיים זינגער האָט אויסגעטאָן זיין סוועדער און עס געוואָלט געבן אָלגינען. אָלגין האָט עס ניט געוואָלט נעמען. דעמאָלט האָט חיים זינגער צוגעטראָגן אָלגינען אַ מתנה, אַ מעסערל. אָלגין האָט עס צוגענומען און געדאַנקט.

דעראינערונגען וועגן מיין טייערן לערער און וועגווייזער, חבר אָלגין

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען מ׳האָט געמאַכט אַ פייערלעכע אויפנאַמע פאַרן שליח פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, חבר ליטווינאָוו, אין וואַל־דאָרף אַסטאָריאַ, ניו־יאָרק. אין דעם זעלבן אָוונט האָט דער הינסדעיל־

אַרבעטער־קלוב געהאַט אַ לעקציע מיט חבר אָלגין. די לעקציע איז געווען גוט אַנאָנסירט. דער זאַל איז געווען אַ געפּאַקטער. דער זייגער איז שוין 9, אָבער אָלגין איז ניטאָ. דער טומל איז געווען גרויס. מיר האָבן געמוזט בארויקן דעם עולם. ערשט אַרום 9:20 איז חבר אָלגין אַריינגעלאָפן אין זאַל. מיט איין שפּאַן איז ער שוין אויף דער בינע און א פּארסאפּעטער האָט ער געזאָגט: „חברים, די ערשטע זאַך, אַנטשולדיקט מיר פאַר קומען אַזוי שפּעט. היינט איז אַן אויפנאַם־אָוונט פאַר חבר ליטווינאָוו". דערביי האָט ער אַרויסגענומען זיין „רעספּשאַן"־קאַרד און אונדז אַלעמען געוויזן. — „בין איך דאָרט געווען און געוואָלט ריידן אַ פּאָר ווערטער מיט ליטווינאָוון, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ערשט אַרום 10 אַזייגער וועל איך אים קאָנען זען. אָבער ווייסנדיק אַז איך דאַרף היינט האַלטן אַ לעקציע פאַר אייך, האָב איך פאַרלאָזט דעם גרויסן ליכטיקן זאַל מיט די געסט און בין געקומען צו אייך".

דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַדאַנקט דערפאַר דעם ליבן פּירער. דערנאָך האָט ער פאַר אונדז גערעדט 2 שטונדן נאָכאַנאַנד און מער ווי אַ שטונדע פאַרענטפערט פראַגן. אַך, וואָס פאַר אַן אומפאַרגעסלעכער באַלערנדיקער אָוונט דאָס איז געווען!

נאָך דער לעקציע האָבן מיר אים קוים איינגעבעטן, אַז ער זאָל מיט אונדז אַריין אין אַ רעסטאָראַן טרינקען אַ גלעזל קאַווע. אַהאַ! חברה איז אים באַפאַלן אין רעסטאָראַן מיט פראַגן און כאָטש ער איז געווען מיד, האָט דער האַרציקער חבר אָלגין געזאָגט: „זאָלן זיי פרעגן. איך בין ניט מיד. איך וועל ענטפערן." און אַזוי איז ער געזעסן אַ לענגערע צייט און נאָך פאַרענטפערט פראַגן.

נו, חברים, דאַרף מען ניט וויינען און קלאָגן אויף אונדזער אומגליק, וואָס אונדז האָט געטראָפן? איז דען דאָ אַ רעדאַקטאָר, פון וועלכער עס איז צייטונג, חוץ דעם „דעילי וואָרקער", וואָס וואָלט פאַרלאָזט אַזאַ אָוונט ווי אין וואַלדאָרף אַסטאָריא, מיט אַ סאָוועטישן אויסלענדישן מיניסטער און קומען צו קבצנים אַרבעטער האַלטן אַ לעקציע? ניין, ניטאָ. דערפאַר איז אונדזער אומגליק אַזוי גרויס.

אָך און וויי איז מיר: איך בין עלטער פאַר אים מיט אַ יאָר און איך האָב אים איבערגעלעבט. אָבער איך שווער ביי זיין ליכטיקן אָנדענק, אַז איך וועל ביז מיין לעצטער מינוט שטיין מיט דער „מאָרגן־פרייהייט" און דינען דער באַוועגונג מיט מיין גאַנצענעם לעבן.

ח י י ם ז י נ ג ע ר, 670 עשפאָרד סט., ברוקלין.

(געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט").

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

כאַשמאַלס אַ בריוו

מיטוואָך, נאָוו. דעם דריטן, 1937.

ליבער און חשוב'ער 60־יעריקער יוביליאַר ח' חיים זינגער!

עס טוט מיר באמת לייד וואָס איך קאָן ניט זיין מיט איך היינטיקן שבת אָוונט און פייערן אייער 60־יעריקן יום־טוב, ווייל איך בין פאַר־נומען אין די בראָנקס, ווי איר האָט מסתמא דאָס באַמערקט היינט (מיט־וואָך) אין די שול־נאָטיצן און עס וועט אויך זיין מסתמא דעם שבת אין שול־קאָלום.

איך פון מיין זייט ווינטש אייך נאָך אַ סך, אַ סך גליקלעכע יאָרן ווען מיר וועלן אַלע צוזאַמען באַגראָבן דעם אַנטיסעמיטיזם און לייגן דעם פאַשיזם אין דער ערד אַריין און מירן זינגען ־דערביי אַ ספּעציעלע לידל, וועלכע איך האָב נאָר־וואָס פאַרפאַסט:

אָט דאָ ליגט אַ חזיר,
וואָס האָט פאַרשטונקען די וועלט;
יעטוועדן אין האַלדז
ווי אַ ביין זיך געשטעלט.

געבושעוועט האָט ער
ווי אַ צעווילדעוועט פערד;
אַצינד ליגט דער דבר־אחר
און פוילט אין דער ערד.

מיר האָבן געאַרבעט שווער,
נאָר געווען איז עס כדאַי;
פון פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם
זיינען מיר איצט פריי.

אויב איר ווילט, חבר זינגער, קאָנט איר דאָס שוין איצט זינגען אָדער דעקלאַמירן, ווייל סוף־כל־סוף וועלן מיר פון אים פטור ווערן.

מיט יובליי־גרוס, אייער, **כאַשמאַי**.

אַ האַרציקן ־דאַנק קומט מיין חבר און לערער און קינסטלער אַ פּאָעט, חבר כאַשמאַל פאַר דעם באַגריסונג־בריוו צו מיין יובליי. ס'איז אַ שטאָלץ און אַ פרייד צו האָבן אַזוינע חברים און דאָס גיט מי פרייד און יוגנט.

ח י י ם ז י נ ג ע ר

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

היטלער׳ס מפּלה

פון חיים זינגער

(צו זינגען מיט דער מעלאָדיע „טומבאַ, טומבאַ״)

אויף סאָוועטן זיך פאַרמאָסטן, טומבאַ,
ס׳וועט די נאַציס טייער קאָסטן.
געגלויבט, געהאָפט אויף גרינגע זיגן,
אָנגעהויבן קלעפּ גאָר קריגן.

צוזינג . . .

היטלער האָט זיך ניט פאַרשטאַנען,
רויטע אַרמייער, פּאַרטיזאַנען.
געוואָלט האָט היטלער מאָסקווער קרעמל,
געמיינט עס איז אים פּראַג און מעמל.

צוזינג . . .

גרייטע שווערדן, שאַרפע בלאַנקן,
עראָפּלאַנען און אויך טאַנקן
וועלן היטלער׳ן צערייבן,
עס וועט פון זיי קיין זכר (זייכער) בלייבן.

צוזינג . . .

שנעלע הילף וועלן מיר זיי שיקן,
די העלדישע קעמפער צו דערקוויקן.
לאָמיר אין די פאַראייניקטע שטאַטן
שנעלער העלפן די בראַווע יאַטן.

צוזינג: טומבאַ, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

1941.

מיין ברודער איז געווען אברהם רייזענס לערער

נאָך גייענדיק אין חדר אַ הונגעריקער, האָב איך געוואָרפן אַ האָס אויף די גביר׳ישע (געווירישע) קינדער, וואָס פלעגן קומען מיט פיל עסנס, גוטע שפייז, פלעג איך זיך טאַקע צוכאַפּן צו זייערע עסנס און שטילן מיין הונגער.

ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן צו לערנען תנ״ך (טאַנאַך) (תורה, נביאים, וכתובים), דערנאָך גמרא (געמאָרע), איז מיר נאָך געוואָרן ער־גער. ווייל ווען איך בין אונטערגעוואַקסן, האָט זיך ביי מיר אַנטוויקלט דער אַפּעטיט און קיין עסן איז אַלץ ניטאָ. אָבער אַ פריילעכער אינגל בין איך געווען, פלעג איך פיל מאָל פאַרגעסן אין הונגער.

אין שטעטל בין איך געווען פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן שטיפער. די מאַמע פלעגט מיך רופן „אומרו״. מיר זיינען געווען ניין קינדער: 4 אינגלעך און 5 מיידלעך.

מיין עלטערער ברודער איז געווען אַ גרויס־געלערנטער, אַן אָנפּי־רער געווען ביי די משכילים (מאַסקילים). דער באַרימטער דיכטער אברהם רייזען איז געווען זיינער אַ שילער. צו 21 יאָר איז מיין ברודער אַוועק פון דער וועלט. ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט ער איצט אַלט גע־ווען 85 יאָר.

מיין ברודער האָט איבערגעלאָזט זייער פיל שריפטן. מיין זיידע, וואָס איז געווען אַ פאַנאַטיש־געלערנטער רעליגיעזער איד, האָט די שריפ־טען פאַרברענט.

אַ באַגריסונג פון אברהם רייזען

דעם 28טן נאָוועמבער, 1937, איז פאַרגעקומען דער 35־ער יובילי פון דער קיידאַנאָווער לאַנדסמאַנשאַפט. אברהם רייזען האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין שוועסטער, די שרייבערין, שרה רייזען. ער האָט מיך פאַר איר שטאַרק געלויבט.

איך האָב דערציילט וועגן דער דעמאָנסטראַציע אין וואַשינגטאָן. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט גאָרניט געשריבן וועגן דעם ענין. ער האָט געהאַלטן די דעמאָנסטראַציע פאַר אַ גרויסן אויפטו.

איך האָב זיך מיט אים אַביסל געקריגט פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזט די „מאָרגן־פרייהייט״ אין 1929 און אַוועק שרייבן אין „פאָרווערטס״.

זיין איינציקע פאַרענטפערונג איז געווען, אַז די עקאָנאָמישע אומשטענדן האָבן אים געצוואונגען דערצו.

צום סוף האָבן מיר זיך צוריק איבערגעבעטן און ער האָט מיר אָנגעשריבן אַ באַגריסונג:

„אויך איך באַגריס מיין טייערן חבר און לאַנדסמאַן חיים זינגער צו זיין זעכציקסטן געבורטסטאָג. איך בין אים דאַנקבאַר פאַר זיין אַרטיקל וועגן מיר אין דער „פרייהייט". לאַנג לעבן זאָל חיים זינגער — איינער פון די הייסעסטע חסידים — ניט פון קוידאַנאָווער רבי'ן, נאָר פון דעם קאָמוניזם.

מיט ליבשאַפט, פון זיין לאַנדסמאַן און חבר **אברהם רייזען**".



אברהם רייזען, נייטן רוזשעוויצקי, גרשון זינגער און חיים זינגער
גרושן זינגער איז פרעזידענט פון קוידאַנאָווער רעליף פאַראיין. נייטן רוזשעוויצקי איז דער טיכטיקער טוער פון פאַראיין. אברהם רייזען איז דער שטאָלץ פון קוידאַנאָוו אַלס פּאָעט און שרייבער.

יוגנט-חבר באַגריסט אברהם רייזענען לכבוד זיין אַריינטרעטן אין דער „פרייהייט"

מיט אברהם רייזענ'ס אַריינטרעטן אין דער משפחה פון דער „פרייהייט", האָט ער דערפרייט טויזנטער הערצער. אברהם רייזען איז איצט

— ווי דער ענגלישמאַן זאָגט — „דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן אָרט", און דערפאַר ווערט ער ביי אונדז איצט טייערער, און אינאיינעם מיט אים ווערט אויך די „פרייהייט" ביי אונדז ליבער און טייערער.

מיין בעסטער וואונטש איז, אַז די „פרייהייט" מיט אירע מיטאַרבע־טער זאָלן פּראָגרעסירן אין אַלע הינזיכטן, ביז מיר וועלן דערלעבן . . . אַ שיינע וועלט . . . דאָס איז דער וואונטש פון אברהם רייזען׳ס אַ יוגנט־חבר, מיט וועלכן ער האָט אין איין חדר געלערנט און וועלכער געהערט צום לאַגער צו וועלכן אברהם רייזען איז איצט אָפיציעל צוגעשטאַנען.

חיים זינגער, פון קוידאַנאָוו.

(געדרוקט אין דער „פרייהייט").

צו מיין געוועזענעם חבר אברהם רייזען

איך בין געווען אייער חבר נאָך פון די קינדערשע יאָרן. מיר זיי־נען געבאָרן געוואָרן אין איין שטעטל, צוזאַמען געלערנט און געשטיפט, און איצט, אויף די עלטערע יאָרן געווען חברים אין איין באַוועגונג, אין איין קאַמף.

ווען די „פרייהייט" האָט אייך געשיקט אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ביי מיר געווען די גרעסטע פרייד, ווייל איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויב איר זענט נאָך ניט געווען קיין פולקאָמענער קאָמוניסט, וועט איר עס איצט ווערן.

און ווען איר זענט געקומען צוריק פון סאָוועט־רוסלאַנד — גע־דענקט איר דעם טייערן גרוס, וואָס איר האָט מיר אָפּגעגעבן פון סאָוועט־רוסלאַנד און דערהויפּט פון אונדזער שטעטעלע קוידאַנאָוו, מיט וואָס פאַר אַ זיסקייט איר האָט זיך געפרייט, וואָס אַלץ ווערט געפירט פון אַרבעטער?

נו, און איצט? וואָס איז פון אייך געוואָרן? ווער האָט זיך ווען געקענט פאָרשטעלן, אַז איר זאָלט אַוועק צו דער פינצטערער מאַכט?....

פון אונדז אַוועק און צו זיי ניט דערגאַנגען — איר, וואָס האָט געזונ־גען די זיסע אַרבעטער־לידער . . .

איך קום איצט פון שפּיטאָל, וואו איך האָב דורכגעמאַכט אַן אָפּעראַ־ציע, איך בין נאָך שוואַך אין געזונט. איך פיל ווי צו ריידן צו אייך אַזוי פיל, אַז עס זאָל מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. איך וואָלט אייך גע־ראָטן, אַז איר זאָלט לייענען אַלגינס ווערק, פיליכט וועלן זיך ביי אייך עפענען די אויגן און איר וועט זיך אַרומזען, וואָס איר טוט.

חיים זינגער.

(געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט").

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

אברהם רייזענ׳ס חדר־יאָרן

געערטע רעדאַקציע פון דער „פרייהייט״:

אַזוי ווי קיינער האָט ניט געשריבן וועגן אברהם רייזענ׳ס קינדער־יאָרן, וועל איך אַלס זיינער אַ לאַנדסמאַן וואָס האָב זיך צוזאַמען אויפגע־האָדעוועט אין איין שטעטל און אויך געלערנט צוזאַמען אין איין חדר, עפּעס דעראינערן זיך פון רייזענ׳ס קינדער־יאָרן.

אברהם רייזען איז געווען אַ גוטער תלמיד און ניט איין מאָל פלעגט אונדז דער רבי, שמואל, אויפוואַרפן: „זעט, אברהמ׳עלע פאַרשטייט דעם „פסוק״, און מיר פלעגן אים מקנא זיין.

זיין האַלטן זיך אין חדר איז אויך געווען מערער סטאַטעטשנע, ווי אַנדערע קינדער. און דערפאַר האָבן אים די רביים ליב געהאַט. שפּע־טער־צו פלעגט ער אַלעמאָל אַרומגיין מיט ביכער אונטערן אָרעם, און מיר פלעגן אים נאָכשרייען: „אָט גייט אברהמ׳עלע מיט די ביכלעך״.

מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז פון אים וועט אַמאָל אַרויסקומען אַ שטאָלץ פאַר אונדזער שטעטל קוידאַנאָוו.

חיים זינגער, 670 אָקספאָרד סט., ברוקלין, נ.י.

(געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״).

קוידאַנאָווער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק גיבן אָפּ כבוד זייער לאַנדסמאַן אברהם רייזען

דאָס איז געווען פאַראַכטאָגן זונטיק, דעם דרייסיקסטן אָקטאָבער. ס׳איז געפייערט געוואָרן דער 25־יאָריקער יובילײ פון קוידאַנאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין בראָנזוויל. צום יובילײ האָט מען איינגעלאַדן דעם באַליבטן אידישן דיכטער אברהם רייזען, וועלכער איז אַ קוידאַנאָווער לאַנדסמאַן.

גרויס איז געווען אַלעמענס פרייד, ווען מ׳האָט דערזען רייזענען אין זאַל. יעדער איינער האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט. דער זאָגט: „אברהמ׳עלע, וואָס מאַכסטו? דו פאַרשטיינסט דאָך אונדזער נאָמען מיט רעם, וואָס דו ביזט אַ קוידאַנאָווער״. אָט גייט־צו אַן אַלטיטשקע פרוי און רופט אויס: „אברהמ׳עלע, איך בין דאָך מיט דיין באָבען געווען חבר־טעס. איך קען דאָך דיין גאַנצע משפחה. מ׳זאָגט דאָך אויף דיר, אַז דו ביזט זייער אַ גרויסער מענטש געוואָרן; פרייט דאָס מיר טאַקע, און אַז

וואויל איז צו דיינע עלטערן, וואָס זיי האָבן געבראכט אַזאַ טייער קינד".

די יוגנט, ווידער, האָט שוין רייזענ'ען באַגעגנט מיט אַנדערע באַ־גריסונגען און באַמערקונגען. די יונגע האָבן צו רייזענ'ען געזאָגט: „מיר האָבן פון אייך פיל געהערט און אויך געלעזן אייערע שריפטן. אייערע לי־דער איז דאָך אַ פאַרגעניגן צו לייענען". אברהמ'ל אַליין (אברהם רייזען) האָט געענטפערט יעדערן. ער האָט אָפּגעזוכט דעם יונגן דור, און גע־וואָלט ניט אַנדערש, אַז די יונגע לייט און יונגע מיידלעך זאָלן ריידן צו אים אויף אידיש.

ווען דער טאָסטמאַסטער האָט מיט אַ שיינער בכבוד'יקער רעדע פאָרגעשטעלט דעם גרויסן גאַסט און אים געגעבן דאָס וואָרט, האָט די באַ־גייסטערונג אַלע גרענעצן אַריבערגעטראָפן. יעדער איינער האָט אים שטורעמדיק אַפּלאָדירט, און ווען רייזען האָט מיט אַ שיינער האַרציקער רעדע אַלעמען באַגריסט און האָט דערמאָנט, אַז טאַקע קוידאַנאָוו האָט אים געמאַכט פאַר אַ שרייבער, איז דער עולם אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אַ פייערלעכער שטימונג, און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט.

אברהם רייזען האָט דערנאָך פאַרגעלייענט איניקע פון זיינע קוידא־נאָווער לידער און האָט פאַרענדיקט מיט אַ ניי ליד וועגן סאָוועטן־פאַר־באַנד, וואו עס ווערט באַזונגען דער נייער לעבנס־שטייגער אין לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. די באַגייסטערונג איז דאַן געשטיגן און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרהילכט דעם זאַל. דער אָוונט איז גע־ווען אַן אומפאַרגעסלעכער פאַר אונדז קוידאַנאָווער לאַנדסלייט, און אויך פאַר אונדזער טייערן חבר און לאַנדסמאַן, אברהם רייזען.

חיים זינגער, ברוקלין, נ. י.

„מאָרגן־פרייהייט", 1927.

חיים זינגער אַן אַרבקאָר

חיים זינגער קען זיכער צוגערעכנט ווערן צו די אַרבקאָרן, אַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן. איינער וואָס רופט זיך אָפּ פון צייט־צו־צייט וועגן צייט־פראַגן. די בריוו גיבן איבער די געפילן און געדאַנקען פון די ברייטע פאָלק־מאַסן אין אַ געוויסן מאָמענט איבער געוויסע געשעענישן.

מיר גיבן דאָ אַ צעטל פון אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן. ס'איז זיכער ניט קיין פולער צעטל. און ס'איז ניט אין אָרדענונג פון זייער דערשיינונג:

1. מע ניכטערט זיך אויס פון גיפטיקן טשאַד (וועגן דער פרעסע).
2. פינצטערע כוחות מאָביליזירן שוין ווידער זייערע אַרמייען (וועגן רעליגיע).
3. וועגן פסח און סדר (וועגן רעליגיע).
4. ווער עס מעג און ווער עס טאָר ניט (אַ בילד אויף יוניאָן סקווער).
5. באַגעגענישן אויף דער אַרבעטלאָזער דעמאָנסטראַציע (וועגן אַרבעטלאָזע).
6. אַ ביישפּיל פאַר אַרבעטער (וועגן אויפטריט פון טשערנאָוו'ן).
7. קעמפערס פון „ניטגעדאַיגעט" געדענקען די „מאָרגן־פרייהייט".
8. צו מיין געוועזענעם חבר אברהם רייזען (ווערט דאָ געדרוקט).
9. די טרייסט אויף די עלטערע יאָרן (ביאָגראַפישע נאָטיצן, וואָס ווערן טיילווייז געדרוקט דאָ).
10. די „מאָרגן־פרייהייט" און די צעקראָכענע שאַרלאַטאַנעס (פּרעסע).
11. איינער פון אונדזער אַרמיי (אַ ביאָגראַפישער בריוו פון שפּיטאָל).
12. מיין געוועזענער באָס און די געלע פרעסע (ביאָג. זכרונות).
13. וועגן מצה־קאַמפּיין (וועגן רעליגיע).
14. צוויי פּיקניקס (רעכטע און לינקע).
15. אויף אַן אָוונט פון די פּראָלעטאַרישע יאַטן (אַ קאָנצערט).
16. צו אַלע חברים און חבר'טעס אויף דער פּראָווינץ (פּרעסע).
17. געזאַנג פון אונדזערע יאַטן (וועגן מאַסן־געזאַנג).
18. הערט זיך ניט צו צו די פרומאַקעס (וועגן רעליגיע).
19. גאַסן־מיטינגען פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט" (פּרעסע).
20. מער פאַרשיידנאַרטיקע פּראָגראַמען ביי אונדזערע קאָנצערטן (אין אַ זשורנאַל).
21. עס זיינען נויטיק נאָך אויפקלערונג־מאַטעריאַלן וועגן ציוניזם און פּאַלעסטינע.

22. אַ שלאָגלער־אָונט אין אַ קלוב (וועגן לואיס סינגער).
23. בראָנזווילער אידן פירן דורך אַ האַרציקן אָפּשייד־אָונט פאַר דר. רבי גרינפעלד.
24. אָפּן־עיר מיטינגען וועגן „פאָרווערטס"־פּראָוואָקאַציעס.
25. נחת פון אונדזערע טוער (וועגן אַן אָונט אין אָרדן).
26. „מאָרגן־פרייהייט" קאָמיטעט אין בראָנזוויל טוט גוטע אַרבעט.
27. אַ דעראינערונג פון אַ „פרייהייט"־לייענער (ביאָגראַפיש, גייט טיילווייז אַריין אין די ביאָגראַפישע נאָטיצן).
28. אויף דער לוויה פון חבר י. גרינשפאַן.
29. אַרבעטער ווייזן אַרויס גרויס איבערגעגעבנקייט צו דער „מאָרגן־פרייהייט".
30. אַן ענטפער צו אַ „טאָג"־שרייבער (וועגן דער לוויה פון פרוי זינגער, וועגן רעליגיעזע צערעמאָניעס).
31. אַ בריוועלע פון חיים זינגער, שלאָגלער נומער 1, „ניי־לעבן"־פאַרשפרייטער (פאַרשפרייט 200 קאָפּיעס. (געדרוקט אין „ניי־לעבן").
32. בראָנזווילער ברענטש 121 קריגט אַ באַנער.
33. אַ נייער זעלבסט־בילדונג קלוב (מ. אָלגין קלוב).
34. אַ מאיר לעווין קלוב אין ברוקלין (וועגן דער גרינדונג פון קלוב).
35. וועגן אידישן אַרבעטער אוניווערסיטעט.

ווען איינער וואָלט בלויז אָנגעשריבן די דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענצן, וואָלט אים זיכער געקומען אָנערקענונג. ווען מיר באַטראַכטן אָבער, אַז דאָס שרייבן ביי חיים זינגער'ן איז בלויז געווען אַ טייל פון זיין געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט, קומט אים זיכער אָנערקענונג.

די אַלע אַרטיקלען זיינען געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פריי־הייט".

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

צו חיים זינגער

(געשריבן דעם 23טן אויגוסט, 1936)

מיין אַלטער חבר זינגער,
איך שיק אייך צו אַ ליד.
ווען איר טרעט אויף, פילט איר זיך אינגער,
עס לעבט אין אייך דאַן יעדעס גליד.

איך ווינטש אייך לאַנגע יאָרן,
און געזונטע קעמפערישע טעג.
פאַר די, וואָס אין בירא-בידזשאַן פאָרן,
האָט איר געשפרייט פאַר זיי דעם וועג.

איך ווינטש אייך געזונט און דערפאָלג,
אין אַלע אייערע וועגן.
איר זאָלט שניידן מיט פרייד,
וואָס איר פאַרזייט.

אייער חבר ד. שולמאַן.

60טער יובילײ פון חיים זינגער

דעם 6־טן נאָוועמבער, 1937, האָט די בראָנזווילער פּראָגרעסיווע באַוועגונג געפייערט דעם 60־סטן יובילײ פון חיים זינגער.

צו דער געלעגנהייט איז דערשינען אַן אַרטיקל פון א י י ב מ י ט ש ע ל אין דער „מאָרגן־פרייהייט", וואָס מיר גיבן דאָ איבער:

חיים זינגער איז אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד אין אָרדן־ברענטש 121. ער איז אויך אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, סעקשאָן 8, בראָנזוויל. ער איז אויך אַ מיטגליד אין בראָנזווילער ברענטש פון „אי־קאָר".

דער ברענטש 121 א.א.א. האָט אַראַנזשירט פאַר חיים זינגער, צו זיין 60סטן געבורטסטאָג און יובילײ פון זיין 40־יאָריקער טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ קאָנצערט און ליטעראַרישן אָוונט אויף היינט, שבת, דעם 6־טן נאָוו, 1937, אין בראָנזוויל קאָמיוניטי סענטער, 381 ראָקאַווײ עוועניו. צו דער געלעגנהייט האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט חיים זינגער, און הערט וואָס ער האָט מיר דערציילט:

„איצט בין איך געוואָרן אַ פרייער מענטש, געקויפט זיך אַ „טול־באָקס" און אָנגעהויבן „פיקסן" ניי־מאַשינען. אַזוי ווי צייט האָב איך געהאַט גענוג, און איך בין ביי קיינעם ניט געווען פאַרשקלאַפט, האָב איך זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און אויסנוצן מיין ביסעלע טאַלאַנט.

דינען דער באַוועגונג איז אַלעמאָל געווען מיין בעסטער פאַרלאַנג. איך האָב געהאָלפן גרינדן דעם אזאַריטשער ברענטש 121 א.א.א., געטאָן אַביסל אַרבעט. אויך געוואָרן אַ קלוב־מיטגליד. געדינט דער באַוועגונג מיט געזונט און געלט. קיינמאָל פון דער באַוועגונג ניט געקראָגן פאַר אונטערהאַלטן דעם עולם ביי אַרבעטער־שמחות. דערמאָנען די אָפּען־עיר מיטינגען פריער וועגן איקאָר" און דערנאָך וועגן דער „מאָרגן־פרייהייט" — דאָס איז דאָך באַקאַנט.

איך בין גליקלעך, וואָס צו 60 יאָר בין איך איבערגעגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג און טו דאָס בעסטע וואָס איך קאָן, און דערהויפּט: קיינמאָל פון דער באַוועגונג ניט גענומען, נאָר ג ע ג ע ב ן . איך וויל פאַרזיכערן מיינע חברים, אַז איך וועל וויטער געבן."

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

אַ דאַנק פאַר אָנערקענונג

טייערע חברים, רעדאַקציע „מאָרגן־פרייהייט״:

דערלויבט מיר אויסצודריקן אַ האַרציקן דאַנק צו ברענטש 121 א.א. א. פאַר דער פייערונג פון מיין 60־יאָריקן יובילײ און 40 יאָר טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די פייערונג איז דורכגעפירט געוואָרן שבת, דעם 6־טן נאָוועמבער אין בראָנזווילער קאָמיוניטי סענטער. איך דאַנק אויך פאַר דער מתנה, וואָס די חברים האָבן מיר געגעבן. איך דאַנק אויך דער „מאָרגן־פרייהייט״־פאַרוואַלטונג פאַר דער טעלעגראַפישער באַגריסונג, און אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געשיקט באַגריסער און טעלעגראַמעס.

איך זאָג צו, אַז איך וועל דינען דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט מער פייער און מוט, מיט אַלעס וואָס איך פאַרמאָג.

מיט חבר׳שן גרוס, חיים זינגער.

מאַרש קיין וואַשינגטאָן קעגן פאָגראָמען אויף אידן אין פוילן

20־סטן נאָוועמבער, 1937

ווען מע האָט געפּראַוועט דעם 60־יאָריקן יובילײ פון חיים זינגער, האָט ער צוזאַמען מיט 935 דעלעגאַטן געמאַרשירט קיין וואַשינגטאָן.

אָט איז זיין באַשרייבונג:

נאָוועמבער דעם 20־סטן, 1937 האָבן מיר מאַרשירט קיין וואַשינג־טאָן צו פּראָטעסטירן קעגן די פּוילישע פּאָגראָמען אויף אידן. עס זיינען געווען 935 דעלעגאַטן פון ניו־יאָרק. אויך זיינען געווען דעלעגאַטן פון אַרום ניו־יאָרק. דער וועטער איז געווען שרעקלעך קאַלט און נאַס, אָבער דאָס האָט אונדז ניט אָפּגעשטעלט, ווייל מיר זיינען קאָמוניסטן, און אונדז קען קיין זאַך ניט אָפּשטעלן, ווען מיר דאַרפן קעמפן קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן פּאָגראָמען און קעגן פאַשיזם.

אונדזער דעמאָנסטראַציע פון ניו־יאָרק איז דורכגעפאָרן דורך פיל שטעט מיט פּלאַקאַטן אויף די באַסעס, מיט פּראָטעסטירנדיקע אויסרופן קעגן די פּוילישע פּאָגראָמען. די דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מיר זיינען באַגעגנט געוואָרן אין פילאַדעלפיע, אין

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

באַלטימאָר פון פיל סימפּאַטיזירער, וואָס האָבן אונדז וואַרעם באַגריסט.
געוויסע אידישע צייטונגען האָבן וועגן דעם ניט געשריבן.

אונדזערע קאָמיטעטן האָבן זיך געזען מיטן פּרעזידענט און מיט קאָרדעל האַל און מיט נאָך גרויסע פּערזענלעכקייטן. זיי האָבן אונדז אויפגענומען מיט פיל סימפּאַטיע. זיי האָבן אונדז צוגעזאָגט צו העלפן באַשיצן די אידן.

רוזוועלט האָט טעלעגראַפיש פּראָטעסטירט קיין וואַרשע און די פּאָג־ראָמען זיינען פאַרלייכטערט געוואָרן.

אַ גרוס פון דולוט, מינעסאָטאַ

פּאָרט אָוועק אַ חבר, חיים זינגער, קיין דולוט, מינעסאָטאַ, שרייבט ער אונדז אַ בריוול:

„לעצטע וואָך איז קיין דולוט אָנגעקומען דער פּאַרטרעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", חבר באַרנשטיין. בין איך מיט אים געגאַנגען איבער דולוט און איר צווילינג־שטאָט סופּיריאָר, וויסקאָנסין, צווישן די לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט". ס'איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זען, ווי די חברים האָבן באַצאָלט זייערע בילס און באַנייט זייערע סובסקריפּשאָנס. חבר פאַלין, למשל, פון סופּיריאָר, בעט איבערגעבן אַ האַרציקן גרוס ח' אָלגינען, אַ דאַנק פאַר זיין ענגלישן קאָלום און אַ גרוס אַלע חברים פון דער רעדאַקציע. ער זאָגט: ווען איך קום אַהיים פון דער אַרבעט און דערזע די „מאָרגן־פרייהייט", ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן. איך ווער גאָר אינגער און געזונטער.

אַ צווייטער זאָגט: די „מאָרגן־פרייהייט" איז ביי מיר אַ טייערער פּערל. לייענענדיק די צייטונג עפענען זיך מיר די אויגן. איך רעד מיט מיינע שכנים וועגן אַלע געשעענישן אין דער וועלט און איך פיל, אַז איך בין בעסער אינפאָרמירט, איך ווייס מער. זיי פרעגן מיך, ווי אַזוי איך ווייס אַלץ, זאָג איך זיי: איך לייען אַ גוטע צייטונג — די „מאָרגן־פריי־הייט". איך בין שטאָלץ מיט מיין צייטונג. — ער שיקט איבער אַ גרוס אַלע חברים אין דער רעדאַקציע.

דולוט איז אין דעם פּרט אַ מוסטער פון דער גרויסער, ברייטער אַמעריקע. אין אַלע שטעט און שטעטלעך וועט איר געפינען די לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", וואָס טראָגן אריין פרייד, ליכט, לעבן צווישן זייערע מיטגלידער.

(געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אין יאָר 1936).

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

וואָס ברענגט אַריין שטערונגען אין דער אַרבעטער־פאַמיליע?

אין 1935 איז אין דער „מאָרגן־פרייהייט" אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע אויף דער טעמע „וואָס ברענגט אַריין שטערונגען אין דער אַרבעטער־פאַמיליע?" חיים זינגער האָט געדרוקט אַ בריוו וועגן דעם ענין, דאָנערשטיק, דעם 24טן אָקטאָבער, 1935. מיר גיבן דאָ דעם גרעסטן טייל



אַ גרופּע חברים אין קעמפּ ביקאָן מיט חיים זינגער

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

פון דעם בריוו:

די דיסקוסיע וועגן פאַמיליען־לעבן שטעלט אַוועק די פראגע וועגן דעם אָרט פון דער פרוי אין אונדזער באַוועגונג.

איך בין תמיד געווען פאַר גלייכע פרויען־רעכט און געקעמפט, אַז פרויען זאָלן קריגן פולע רעכט ווי דער מאַן. נאָך פון 1903 ביז 1919 בין איך מיט מיין פרוי געווען טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

ווען ס'איז אָנגעקומען די (ערשטע) וועלט־מלחמה און די פירער פון די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן ניט געוויזן קיין ווידערשטאַנד און נאָך געשטיצט די דייטשישע מיליטאַריסטן, האָט דאָס געהאַט אויף מיר אַ טיפע ווירקונג.

ווען ס'איז אָנגעקומען די רוסישע רעוואָלוציע און כ'האָב דערזען די שטעלונג פון די קערענסקי'ס, איז די ווירקונג געגאַנגען נאָך טיפער.

אַזוי גיך ווי די „פרייהייט" האָט אָנגעהויבן דערשיינען, האָט זיך אַ ליכטיקייט אויסגעשפּרייט אין מיינע געדאַנקען און איך פלעג קומען אהיים מיט פרייד פאַרצולייענען פאַר מיין פרוי די „פרייהייט". מאַן און פרוי דאַרפן זיין פּאָליטיש גלייך דערצויגן.

— — — איך בין שוין אַ מאַן אין די ז ע כ צ י ק ע ר (די יאָרן שטימען עפּעס ניט! — ש. ד.) אָבער די באַוועגונג האַלט מיך יונג און מוטיק. איך לעב אין אַ ליכטיקער וועלט. איך העלף בויען אַ נייע וועלט, — אַ וועלט אָן בלוט־פאַרגיסונגען, אָן טרערן, אָן מלחמות, אָן ראַסן־האַס, אויפן זעלבן שטייגער ווי דאָס האָבן געטאָן אונדזערע ברידער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו דער אַרבעטער — מאַן און פרוי — לעבן אַ צופרידן, גליקלעך לעבן.

חיים זינגער, 670 אשפאָרד סט., ברוקלין.

בראָנזוויל וויזט ביישפּיל פון אַרבעט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט"

חבר חיים זינגער שרייבט אונדז:

„דער אָפען־עיר מיטינג וועגן דער „מאָרגן־פרייהייט", מיטוואָך, דעם 21טן אָקטאָבער, אויף קאָרנער האָפּקינסאָן און פיטקין עוועניו, בראָנזוויל, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. עס האָבן גערעדט די ח"ח קאַפּמאַן און רייף. דער ערשטער האָט געגעבן אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט" זינט דעם טאָג פון איר דערשיינונג ביז היינט. דער צווייטער האָט פאַרענטפערט פראַגן. ביז שפּעט ביי־נאַכט איז דער גרויסער עולם געשטאַנען ווי צוגעשמידט און מיט גע־שפּאַנטן אינטערעס זיך צוגעהערט צו די רעדעס.ביים מיטינג איז פאָר־געקומען אַ לעבעדיקע דיסקוסיע. עס זיינען געווען אַ סך פראַגן און זיי זיינען אַלע פאַרענטפערט געוואָרן אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

ביידע רעדנער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראָל וואָס די „מאָר־גען־פרייהייט" מיינט פאַרן אַרבעטער־קלאַס בכלל און פאַר די אידישע מאַסן בפרט.

דער מיטינג האָט געבראכט גינסטיקע רעזולטאַטן. פיר צוויי־וועכנטלעכע פּראָבע־סובסקרייבערס זיינען געשאַפן געוואָרן אויפן אָרט. די רעדעס און די דיסקוסיע האָבן צעוואָרעמט דעם עולם און איבערגע־לאָזט אַ גוטן איינדרוק".

(אונדזערע אָרגאַניזאַציעס און „מאָרגן־פרייהייט"־טוער האָבן אַ סך צו לערנען פון בראָנזוויל).

(געדרוקט אין „מאָרגן־פרייהייט").

מיר זיינען דריי ברידער

(געשריבן דעם 24טן יאַנואַר, 1938).

פאַרשיידן איז דער גורל פון מענטשן. איינער איז רייך, דער צוויי־טער אויך ניט אָרעם און דער דריטער שטופּט זיך ווי עס איז דורך אין לעבן. ער שלעפּט זיין פּעקל צרות.

אַזוי האָט געטראָפן, אַז די דריי ברידער, אייגן בלוט און פלייש, זיי־נען זיך געגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן אין לעבן. איינער איז רייך, ניט קיין פּראָסטער מענטש, מע קע זאָגן געלערנט אין אַ געוויסן זינען און ער פאַרשטייט די לאַגע פון אָרעמען. דער צווייטער ברודער איז אויך רייך. דער דריטער ברודער איז אַ קבצן, אָבער אַ פריילעכער, אַן אַרבעטער. ער לאַכט פון דער וועלט און מאַכט אַנדערע צום לאַכן.

די צוויי רייכע ברידער האַלטן, אַז דער אָרעמער ברודער איז אַ טויגעניכץ. ער האָט שעדלעכע אידייען. ער וויל גאָר איבערמאַכן די וועלט. ער וויל גאָר סאָציאַליזם איינפירן.

:: :: ::

מיט מיין עלטערן ברודער קריג איך זיך ניט, ווייל ער איז אַ שטי־לער און געלאַסענער. מיט מיין אינגערן קריג איך זיך שוין אַביסל. איך זאָג אים, אַז כאָטש איך בין אַן אָרעמאַן, בין איך אָבער אָרנטלעך אַלע מיינע יאָרן.

צו פאַרדאַנקען מיינע קינדער, דער עיקר מיין איינציקן ס ע מ י , לעבט זיך מיר איצט אָן זאָרג. איך לעב זיך מיר אויף די עלטערע יאָרן ביי מיין עלטסטער טאָכטער ע נ אַ , מיט איר טייערן מאַן מ אָ ו און

חיים זינגער און זיין ברודער ליפּע זינגער, גענומען דאָס בילד אין דו־
לוט אין 1941. זיין ברודער, אַ רייכער איד, געלערנט אין העברייאיש,
זייער פּאָפּולער אין דולוט אַלס פילאַנטראָפּ.

אייניקל ע ד י . איך האָב אַ גוטע היים און פיל זיך ניט עלנט.

אָבער צייטנווייז פאַלט אויף מיר אָן אַ בענקעניש און דאַן גיי איך אַוועק צו מיינע חברים וואו מע וואַרט שוין אויף מיר מיט פרייד, דער־הויפט ביי די אונטערנעמונגען, ווען איך באַוויז זיך ווערט אַ גרויסע פרייד. און ביי מיר ווערט אַ גרויסע פרייד. איך זינג און דעקלאַמיר זאַכן, וואָס רופן צו אַ שענער לעבן, צו אַ שענערער וועלט.

מיינע ברידער ליפּע און גרשון זינגער

מיין ברודער דזשאָ זינגער שפּילט אַ גרויסע ראָליע צווישן די לאַנדסלייט. ער איז שטענדיק געווען גוט צו דער פאַמיליע. ער האָט מיך אַרויסגענומען קיין אַמעריקע. ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ שוועסטער מיט איר זון און פינף יתומים פון אַ שוועסטער אין קיידאַנאָוו, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און זיי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. איצט לעבן זיי דאָ אַלע זייער גוט. אַלע זיינען פאַרהייראַט, האָבן שיינע פאַ־מיליעס.

אָבער איך מוז מיר נעמען אַביסל קרעדיט, ווייל איך האָב געווירקט אויף מיינע ביידע ברידער, איינער זאָל געבן דאָס געלט און דער צוויי־טער זאָל פאָרן קיין אייראָפּע זיי ברענגען. דער עלטערער ברודער ל י פּ ע איז געפאָרן, און דער גביר איז ג ר ש ו ן זינגער, אַ גוט־באַקאַנטער בראָנזווילער גביר. די ערשטע צייט, ווען מע פלעגט האָבן צרות פון די „גרינע", האָט מען מיך געשאָלטן, נאָר איצטער דערמאָנט מען מיך צום גוטן.

איך געדענק מעליטאָפּאָל

פון ח י י ם ז י נ ג ע ר

מעליטאָפּאָל איז צוריק אין סאָוועטישע הענט. מעליטאָפּאָל, טאַוו־ריטשעסקאַיאַ גובערניא — אַזוי האָט געהייסן מעליטאָפּאָל אין 1892, ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, אַלס יונגער אינגל, אַרבעטן ביי אַ קאַ־מאַשן־שטעפּער. אַך, וואָס פאַר אַ שיין ליכטיק שטעטעלע דאָס איז דאַן געווען!

מיר פלעגן אַרבעטן 14 שעה אַ טאָג. אָבער אַז מיר פלעגן זיין פריי עטלעכע שעה אָדער אין אַ שבת אָדער יום־טוב — וואָס פאַר אַ פאַר־

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

גענײגן עס איז געווען דער שפּאַציר אויפן בולוואַרד אָדער אויפן פּרוכט־מאַרק.

אין די טיי־טראַקטירן פלעגן אונדז פאַרווײלן מיט מוזיק די „אַרי־פיאַנקעס". מיר פלעגן ליב האָבן צו פאַרברענגען מיט די טאַטערן, הערן זייערע געזאַנגען, זען זייערע טענץ אין די קאַפּיאַנעס.

קאַראַאימען האָבן דאָרט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע. זיי זײַנען גע־ווען יחסנים, ווײַל דער גרעסטער פּראָצענט קאַראַאימער איז באַשטאַנען פון ביזנעס-לײַט און רײַכע מענטשן. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענע גרויסע שול. דער רײַכסטער פון זיי איז געווען איינער מיטן נאָמען מאַ־נאַשאַ. אַלע אַנדערע אידן פון מעליטאָפּאָל האָבן געלעבט זייער גוט מיט די קאַראַאימער. אַפילו די פּאָליציי האָט געהאַט פאַר זיי רעספּעקט.

צווישן אידן אין מעליטאָפּאָל זײַנען געווען זייער פיל באַלמעלאָכעס פון אַלערליי פאַכן; געווען אויך ביזנעס־לײַט, רײַכע אידן, מיט אַ פּאָר גרויסע שולן און גוטע חזנים. וואָס פאַר אַ פרייליכקייט עס פלעגט זײַן ווען עס פלעגט קומען אַ יום־טוב, אַ אידישער, קריסטלעכער, צי אַפילו אַ טאַטערישער.

שיינע גאַסן, מיט אַ סך בוימער ביי די זײַטן. פּויערים פלעגן קומען אין שטאָט אין זייערע גרויסע וועגענער, געפּאַקט מיט קאַווענעס און גרויסע רויטע באַטלעזשאַנעס (טאָמעיטאָס), טייערע סמעטענע, קעז, פּו־טער.

איך בין געקומען אַ הונגעריקער פון מײַן אָרעם שטעטעלע קאידא־נאָוו, מינסקער גובערניע, און זיך צוגעכאַפּט צו די ווייסע בולקעס מיט די אַלע גוטע שפּײַזן. פלעגט שוין אויף אונדז דער באַלעבאָס געבן אַ געשריי: „העי, שלעפּער, זעט וואָס מען גיט אייך צום פּרעסן". און דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז מיר זאָלן אַרבעטן וויפיל שטונדן ער האָט גע־וואָלט.

אַך, ווי מײַן האַרץ האָט זיך געפרייט, ווען איך האָב געלייענט, אַז מעליטאָפּאָל איז צוריקגענומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי.

(געדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט").

⁂

מײַן מאַמע איז געווען ווי אַלע מאַמעס. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זי איז געווען עפּעס בעסער און געטרייער ווי אַן אַנדער מאַמע. איך האָב איר קיינמאָל ניט געזען עסנדיק חוץ פרייטיק צו נאַכטס און שבת, און אויך אויף איין פוס. אַזאַ שטילע מאַמע געווען. אימער געווען פאַר־זאָרגט. שטענדיק האָט זי געוויינט און געקלאָגט פון אירע אייגענע

צרות (צאָרעס) און פון אַנדערס צרות. און צרות זיינען געווען אין דער פולער מאָס.

איר גייסטיקער פאַרגעניגן איז געווען דאָס לייענען פון טייטש־חומש (כומעש) און תחינות (טכינעס). געדאַווענט האָט זי אַלע טאָג און טאַקע מיט טרערן אין אירע שוואַכע אויגן. און אויף וויפיל איך געדענק, האָט זי שטענדיק געקרענקט.

ווען מיין עלטערער ברודער איז געשטאָרבן, איז זי געוואָרן טויב פון קלאַפּן זיך מיט די הענט אין קאָפּ אַריין. מיין ברודער האָט גע־קרענקט 2 יאָר אויף טובערקולאָז איידער ער איז אַוועק. ווען מיין זיי־דע האָט פאַרברענט מיין ברודער׳ס שריפטן, איז מיין מאַמע אַ לאַנגע צייט געלעגן קראַנק דערפון.

ווען איך פלעג זיצן און לערנען ביים תנ״ך (טאַנאַך) אָדער גמרא (געמאָרע), פלעגט זי אַנקוועלן. אָבער ווען איך פלעג לייענען אַ ביכל, פלעגט זי באַדויערן און זאָגן „מיין חיים׳קע איז געראָטן אין מאָטיב־קען, אים צו לאַנגע יאָר. יענער פלעגט אויך אַזוי לערנען און לייענען״.

דער זיידע האָט ניט געלאָזט לייענען קיין ביכלעך. דער טאַטע האָט געלאָזט גיין, ווי עס גייט.

:: :: ::

ווען מע פרעגט אַ קינד וועמען עס האָט אַמבעסטן ליב, ענטפערט עס, ווי געוויינלעך, דער מאַמען און דעם טאַטן. ווען מען פרעגט אָבער ביי מיר, וואָלט איך געענטפערט דער מאַמען און דעם זיידן. דער טאַטע איז אימער געווען שטרענג און בייז. אפשר דערפאַר ווייל די עקאָנאָמישע אומשטענדן האָבן שטענדיק געדריקט. און אויך דערפאַר, וואָס ער איז בלויז געווען איין מאָל אַ וואָך אין דער היים.

דער זיידע האָט אונדז דערצויגן. ער איז געווען אַ גוטער און אַן אָרנטלעכער מענטש און אַ געטרייער זיידע. ער האָט שטענדיק גע־לערנט מיט קינדער, געווען אַ מלמד, און זייער פיל אַליין געלערנט: איך האָב ליב געהאַט צו הערן זיין דאַווענען ביי דעם עמוד (אָמעד). אויך זיין שיין זינגען זמירות.

דער טאַטע פלעגט אויך זינגען זייער גוט. ביי אונדז אין הויז פלעגט מען שטענדיק זינגען. ביי אַלע אונדזערע קינדער האָט זיך דערפאַר אַנטוויקלט דער געפיל און ווילן צום זינגען.

איך געדענק ווי דער זיידע פלעגט אָפּריכטן חצות (כצאָס). עס פלעגן

צו אים קומען חברים. מע האָט אויסגעטאָן די שיך און זיך אַוועקגעזעצט
וויינען און קלאָגן. איך בין זיך מודה (מוידע), אַז איך האָב עס שטאַרק
ניט ליב געהאַט. איך האָב ליב געהאט צו זיין פריילעך.

פסח צום סדר זיינען די געזאַנגען אין אונדזער הויז געווען אַזוי
שיין, אַז שכנים פלעגן שטיין ביי די פענצטער און זיך איינהערן.

:: :: ::

איך בין געבוירן געוואָרן אין אַ באַלעבאַטישער הויז אין 1877 אין

חיים זינגער אַלס יוגנטלעכער, ווען ער האָט געשפילט טעאַטער
אין סימפעראָפּאָל.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

קוידאַנאָוו, מינסקער גובערניע. מיין פאָטער פלעגט אַלע זונטיק אָוועק־פאָרן קיין ג י ג אַ ר ע ל ע, אַ סטאַנציע פאַר קוידאַנאָוו. ער איז גע־ווען אַ „פראָוויטעל". ער פלעגט אַהיים קומען נאָר אויף שבת. ער האָט זייער וויניק פאַרדינט. ער פלעגט די אָרעמע פאַרדינטע פאַר רובל אָפּ־געבן מיין קראַנקער טויבער מאַמען. דאָס האָט געקלעקט אויף ברויט אַליין, און פיל מאָל פלעגט קיין ברויט אויך ניט זיין. פלעגט דער זיידע אַרויסהעלפן. אָבער די מאַמע פלעגט עס אויסמיידן. בעסער פלעגט זי לייען, באָרגן, אַבי ניט אָנקומען צום זיידן.

איך האָב אויך געהאַט אַ פעטער מאיר קרופיצקע. ער איז געווען אַ פעלדשער. זייער אַ טייערער איד געווען, אַ גוטער מענטש. ער פלעגט אונדז אַרויסהעלפן זייער אָפט.

לערער שלמה חיים פלימאַק — אונדזער זינגען זמירות.

צו אונדז אין הויז פלעגט אַריינקומען אַ לערער מיטן נאָמען שלמה חיים פלימאַק. ער פלעגט לערנען מיט אונדז, קינדער, איין שטונדע רו־סיש און אידיש. ער לעבט נאָך. ער איז אַ איד פון אַ 85 יאָר. איך האָב אים ניט ליב געהאַט, ווייל ער פלעגט שלאָגן. איז ווען איך פלעג וועלן אַנטלויפן פון טיש, פלעגט זיך די מאַמע צעווייינען: „לערן זיך, חיימ'ל, וועסטו ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך!" און צום לערער פלעגט זי זאָגן: „אַלע מלמדים (מעלאַמדים) פלעגן זאָגן, אַז ער האָט אַ גוט קעפּל, אָבער ער וויל ניט לערנען. גייט מיט אים מיט גוטן". אויף וויפיל איך געדענק האָט דער לערער מיט אונדז צו לאַנג ניט געלערנט, ווייל ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו באַצאָלן. מיין זיידע פלעגט אים אַביסל צאָלן און די מאַמע פלעגט אים אַביסל צאָלן.

מיין מאַמע פלעגט פאַרקויפן צוקערקעס צווי טעג אין וואָך, דאָנער־שטיק און זונטיק. דאָס פלעגט אַרויסהעלפן צו צאָלן דעם לערער און שטילן דעם הונגער.

אויף וויפיל איך קען זיך דערמאָנען אָן מיין מאַמעס גוטסקייט און געטריישאַפט, האָט זי נאָר געלעבט פאַר די קינדער.

דעם טאַטן האָט זי געליבט און רעספּעקטירט. ער איז דאָך געווען אַ בעל־תפילה (באַל־טפילע). ער פלעגט טאַקע שיין זינגען. מיר פלעגן זיצן פרייטיק־צו־נאַכטס ביים טיש און זינגען זמירות. אויך שבת בייטאָג און אין אָוונט פלעגן מיר פיל זינגען. דער זיידע, דער טאַטע און די זין האָבן צונויפגעשטעלט אַ שיינעם כאָר. מע פלעגט שטיין לעבן די פענצ־

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

טער און זיך צוהערן צו אונדזער געזאַנג.

איך האָב ליב געהאַט זיך אויסצוציכענען און זינגען, מער ווי מיינע ברידער . . . און דאָס איז מיר פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג.

מיינע רביים

מיינע מלמדים (מעלאַמדים) זיינען אַלע געווען שטרענגע, באַזונדערס צו מיר. איך בין זיי טאַקע דערגאַנגען די יאָרן. ווען אַ רבי (רעבי) איז נאָך געווען אַ טאַבאַקע־שמעקער און פלעגט הוסטן, ביסן און שרייען אויף דער רבי׳צן (רעביצן) און נוצן אַ קאַנטשיק, — אַזאַ רבי׳ן האָב איך גאָר־ניט ליב געהאַט. איך פלעג זיך געוויינטלעך אויסדרייען פון קלעפּ, אָבער ניט אַלעמאָל איז דאָס מיר געראָטן. איך האָב זייער זעלטן אויסגעהאַלטן איין זמן (זמאַן) ביי איין מלמד (מעלאַמעד).

דער חזן פּיוועס

עס איז געווען ביי אונדז אַ חזן, פּיוועס האָט ער געהייסן, ער איז געווען אַ גוטער חזן, נאָר ער איז שטענדיק געווען הונגעריק. ווען איך בין געווען אַ קינד, געדענק איך, אַז ער האָט געזאָגט צו מיין טאַטן, אַז איך וועל זיך לערנען נאָטן, וועל איך ווערן אַ באַרימטער זינגער.

איך געדענק, אַז איך פלעג אַהיים גיין פון חדר, פלעג איך אָנפירן מיט געזאַנג צווישן די קינדער.

⁂ ⁂ ⁂

איך און נאָך אַ פּאָר אינגלעך זיינען אַוועק צו דער באָד און מיר האָבן אויסגעפונען וואו די ווייבער גייען אין מקוה (מיקווע). מיר האָבן אַהין אַריינגעוואָרפן מיסט און פיל ווייבער איבערגעשראָקן. מיר האָבן זיי ביים אַהיים גיין באַגריסט אויף רוסיש: „דאָברי וועטשער" (גוטער אָוונט). וויל ווען זיי פלעגן גיין אַהיים פון דער באָד, האָבן זיי ניט געטאָרט באַגעגענען קיין קריסט. און אַז מיר האָבן זיי באַגריסט אויף רוסיש, האָבן זיי אונדז ניט דערקענט, זיינען זיי פסול (פּאָסל) געוואָרן. און ווען די ווייבער זיינען געקומען אַהיים, האָבן זיי דערציילט די מענער. די מענער זיינען אַוועק צום רב און אים דערציילט. און דעם זעלבן שבת־צו־נאַכטס האָט דער שמש (שאַמעש) פון שול אַ קלאַפּ געטאָן דריי מאָל

דער פֿאָלקס-זינגער פֿון בראַנזוויל

אין באַלעמער און האָט דערציילט, אַז אימיצער שרעקט די ווייבער אין באָד. און ווער עס ווייסט ווער עס טוט עס, זאָל גלייך אויסזאָגן די נע־מען. האָט מען פֿון עולם (אוילעם) גלייך אָנגעהויבן צו שרייען: „חיימ־קע יעקב זינגערס, אברהמ׳על׳ע פּאַטשאַפּע . . .״ שטעלט זיך פֿאָר ווי אַזוי איך האָב דעמאָלט געפֿילט. האָט מיין פֿאָטער מיט דער באַראַטונג פֿון קוידאַנאָווער רבי׳ן באַשלאָסן מיר אַוועקצושיקן צו מיין שוועסטער אין מעליטאָפּאָל.

:: :: ::

מיין שטעטל קוידאַנאָוו, מינסקער גוב. איז אַ שיינע, נאָר נישט קיין ריינע. די חזירים האָבן געשפּאַצירט פֿראַנק און פֿריי. צעבראָכענע טראָ־טואַרן, אָדער אָן טראָטואַרן. פּויערים פֿלעגן קומען אויפֿן יאַריד, אויפֿן מאַרק. דער מאַרק איז געווען אין מיטן שטעטל. זיך געצויגן זעקס גאַסן לאַנג. ס׳האָבן זיך געצויגן אויף די גאַסן קרעמלעך. באַלד איז געקומען דער שול־הויף. עס איז געווען דער גרויסער מויער בית־המדרש. אַ שניי־דערשער און אַ קליינער בית־המדרש. אין קליינעם בית־המדרש איז גע־ווען מיין זיידע דער שטענדיקער גבאי. קלויזניקעס פֿלעגן דאָרטן זיצן, לערנען, הונגערן און זינגען. מיר דאַכט זיך, אַז אַלע אין קוידאַנאָוו פֿלעגן זינגען אין דעם חסידים־שטיבל פֿון קוידאַנאָווער רבי׳ן. עס איז אויך גע־ווען אַ נייער בית־המדרש.

בחורים און מיידלעך האָבן געטאַנצט און געזונגען, כאָטש זיי זיינען געווען אָרעם אָנגעטאָן אָבער שטענדיק פֿריילעך.

:: :: ::

מיר זיינען געווען 5 שוועסטער און 4 ברידער. דער עלטערער ברו־דער און נאָך אַ שוועסטער זיינען אַוועק פֿרי פֿון דער וועלט. דעם עלטערן ברודער געדענק איך קוים. ער איז געווען אַ גרויס־געלערנטער מענטש. צו פֿרי איז ער אַוועק פֿון דער וועלט. ער איז געווען אַ פּאָעט. ווען ער האָט געלעבט, פֿלעגן פֿיל יונגעלייט, די שטעטלשע יוגנט, זיך צוזאַמענ־קומען צו אים, און ער פֿלעגט מיט זיי שטודירן. מיין זיידע פֿלעגט עס ניט וועלן ליידן, ווייל ער איז געווען אַ רעליגיעזער איד. און דאָס האָט געשמעקט מיט אַפּיקורסעס. ווען מיין ברודער איז געשטאָרבן, האָט מיין זיידע גענומען אַלע זיינע שריפֿטן און זיי אַריינגעוואָרפֿן אין אויוון אַריין. ווען מיין ברודערס חברים האָבן זיך דערוואוסט פֿון זיידנס טאַט, זיינען זיי געקומען און שטאַרק אויסגערעדט דעם זיידן דערפֿאַר. ווען מיין ברודער וואָלט געלעבט, וואָלט ער אפֿשר געווען אַ גרויסער פּאָעט.

:: :: ::

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

אין הויז איז געווען ווינציק ברויט, אָבער לערנען האָט מען געמוזט. דערצו האָט דער זיידע אַכטונג געגעבן. ער אַליין פלעגט לערנען זיינע זאַכן. אַ לערער פלעגט קומען אַ פּאָר מאָל אַ וואָך אונדז לערנען שרייבן אידיש. אָבער איך בין געווען אַן אומרואיקער און האָב קיין געדולד ניט געהאַט צו שרייבן.

אין חדר פלעג איך אויך ניט וועלן לערנען, ווייל איך בין געווען אַ גרויסער שטיפער און האָב זייער ניט ליב געהאַט די מלמדים (מעלאַמדים). קיין צו לאַנגע צייט ביי אַ רבי׳ן האָב איך ניט געקענט לערנען.

:: :: ::

צו 11 יאָר בין איך אַוועק אַרבעטן צו אַ שטעפּער. זיין נאָמען איז געווען טעוויע הורעוויטש. מיין ערשטער באַלעבאָס איז געווען זייער אַן אָנגעלערנטער, אָבער צו מיר איז ער געווען זייער שטרענג. דאָס האָט מיך זייער געערגערט. איך האָב געאַרבעט פון 6-7 פרי ביז 10-12 אין דער נאַכט. צייטנווייז זייער אַ הונגעריקער. איך פלעג זיך אָפט אַן עצה (אייצע) געבן, אַז איך זאָל ניט זיין הונגעריק. איינמאָל האָט מיך די באַלעבאָסטע, גוטע האָט זי געהייסן, געכאַפּט ביי דער האַנט. איך האָב ביי איר גע׳גנב׳עט אַ שטיק שיטניצע, פּאָמפּעניקל, און אַ האַלבן הערינג. זאָגט זי צו מיר: „פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו ניט גנב׳ענען, נאָר איין מאָל אין טאָג וועסטו עסן מיט אונדז".

איך בין פאַרדונגען געוואָרן צו אַרבעטן 4 יאָר. די ערשטע צוויי יאָר אָן געצאָלט און אָן עסן. (אַנדערע פלעגן נאָך צוצאָלן דעם באַלעבאָס.) די צווייטע צוויי יאָר פאַר 20 רובל אַ יאָר מיט עסן. אַהער פּאַסן זיך אַריין די ווערטער פון אומשטערבלעכן דיכטער ד ו ד ע ד ע ל ש ט א ט:

„אין שטורעם און אין קאַמף איז מיין יוגנט פאַרשוואונדן,
פון ליבע און פון גליק האָב איך קיינמאָל געוואוסט.
נאָר בלוטיקע טרערן און בלוטיקע וואונדן
האָבן געקאָכט און געברענט אין מיין ברוסט".

:: :: ::

איך פלעג זייער פיל ליידן פון מיין שטרענגן באַלעבאָס. ער האָט ניט איין מאָל זיך געוואָרפן אויף מיר מיט קלעפּ, אָבער די באַלעבאָסטע פלעגט מיך באַשיצן.

עס זיינען אַוועק די ערשטע צוויי יאָר. און איך האָב געזאָגט צו מיין זיידן, אַז איך דענק, אַז איך דאַרף קריגן אַ רובל אַ וואָך מיט עסן, אויב ניט, וועל איך ניט גיין אַרבעטן. נו, איז געוואָרן אַ טומל: „אַ בונטאָווטשיק, אַ סטאַטשקעניק". איז מיין טאַקע דער נאָמען געפעלן געוואָרן, און איך האָב שוין געבעטן צוויי רובל אַ וואָך מיט עסן. ווייל איך

דער פֿאָלקס־זינגער פֿון בראָנזוויל

בין געווען אַ שנעלער אַרבעטער, אַ מאַשיניסט.

איך האָב דעם סטרייק געוואונען נאָך מיט אַ צוגאָב, אַז שבת אָוונט זאָל איך ניט אַרבעטן, כיבע מע האָט געמוזט פֿאַר אַ יאַריד, האָט ער באַצאָלט עקסטרע עטלעכע קאָפּיקעס.

די באַלעבאַטים פֿון אַנדערע פֿאַבריקלעך זיינען געווען זייער ברוגז אויף מיר, וואָס איך בין אפשר געווען דער ערשטער סטרייקער אין קוידאַנאָוו, נאָר איך שטאָלציר מיט דעם. נאָכפֿאָלגנדיק מיין ביישפּיל, האָבן שוין אַנדערע אַרבעטער אויך דערקלערט סטרייקס און געוואונען פֿאַרבעסערונגען.

:: :: ::

אַז ס'האָבן זיך געענדיקט די צווייטע צוויי יאָר פֿון מיין אַרבעט ביים ערשטן באַלעבאָס, האָב איך באַקומען אַ בריוו פֿון מיין שוועסטער אין מ ע ל י ט אָ פּ אָ ל, טאַוורישעסקי גובערניע, אַז זי קען קריגן פֿאַר מיר דאָרטן אַרבעט. (1892).

מיין זיידע האָט מיך ניט געוואָלט אַוועקלאָזן. ער האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל זיך שמד'ן. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז געקומען דער בעל־עגלה און מיך פֿאַרנומען מיט מיין טשעמאָדאַנטשיק, אַזאַ מין אָרעם קעסטעל, וואו די מאַמע האָט פֿאַרפּאַקט אַביסל שמאַטעס.

מע האָט מיך אַרויסבאַגלייט פֿון שטעטל. די מאַמע און דער זיידע האָבן ביטער געוויינט. די מאַמע האָט מיך עטלעכע מאָל געקושט און דער זיידע האָט נאָכגעשריגן: „קינד, פֿאַרגעס ניט אין גאָט, וועט ער דיך פֿאַרהיטן פֿון אַלע צרות!"

:: :: ::

אין מעליטאָפּאָל בין איך אָנגעקומען צו אַ באַלעבאָס, וואָס איז נאָך געווען ערגער ווי דער קוידאַנאָווער. זיין נאָמען איז געווען שמעון ריידער. די באַלעבאָסטע איז געווען אַ נערוועזע. קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט. זיי זיינען געווען קאַרגע מענטשן. עסן האָט מען געזשאַלעוועט.

מיר זיינען געווען אַרום אַכצן אַרבעטער. האָבן מיר זיך צונויפֿגערעדט און אויסגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר אונדזערע פֿאָדערונגען און עס דערלאַנגט דעם באַלעבאָס. די פֿאָדערונגען זיינען געווען: 1. דריי מאָל אַ טאָג עסן; 2. גענוג טיי פֿאַר אַלעמען; 3. אַרבעטן פֿון 7 פֿרי ביז 6 אָוונט.

עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ גרויסער טומל. דער באַלעבאָס האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אונדז אַרעסטירן.

איך האָב אים אָנגעטאָן אַביסל צרות: צעבראָכן אַ טייל פֿון דער

מאַשין. האָט ער מיר געגעבן אַן אַלטע מאַשין, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן און אין איינוועגס געפאָדערט מער באַצאָלט, ווייל איך בין גע־וועזן אַ גוטער בעל־מלאכה.

דער באַלעבאָס האָט געהאַט אַ בייזן הונט, וואָס פלעגט אונדז דערגיין די יאָרן. האָבן מיר דעם הונט פאַרשלעפּט צו אַ פאַרמער. איז ווידער געוואָרן אַ טומל, אַ שטיקל סטרייק און ס'איז שוין געקומען צו אַרעסטן.

:: :: ::

1894 — דערווייל האָט זיך מיין שוועסטער אַריבערגעקליבן קיין סימפּעראָפּאָל, האָט זי מיר געשריבן אַ בריוו, אַז איך זאָל קומען. דאָרטן האָב איך געקראָגן זייער אַ גוטע שטעלע ביי אַ געלערנטן מענטשן, אַ ציור־ניסט, פון די ערשטע משכילים, ראַפּאַפּאָרט איז געווען זיין נאָמען. ער האָט מיך געצוואונגען צו לייענען ביכלעך נאָך דער אַרבעט. ער האָט מיך

חיים זינגער און זיין פרוי אין דולוט, מינעסאָטאַ, אין 1915. אין די בליענדיקע געזונטע יאָרן, געווען באַליבט ביי דער גאַנצער שטאָט דולוט, מינעסאָטאַ און סופּיריער, וויסקאָנסין.

אַריינגעגומען אין דער ציוניסטישער פּאַרטיי, וואו איך בין געווען טעטיק אַ קורצע צייט.

אין קורצן האָב איך זיך באַקענט מיט אַ גרופּע שפּילער פון אַ דראַ־מאַטישן קרייז. איך האָב גענומען שפּילן טעאַטער. מיר האָבן געשטעלט „קאָלדוניע" און „שולמית" פון אברהם גאָלדפאַדען. איך האָב געמאַכט אַ רושם מיט מיין ראָל „באָבע יאַכנע".

ווען מיר האָבן איינמאָל דורכגעפירט אַ פאָרשטעלונג אין אַ זאַל, צען קאָפּיקעס האָט געקאָסט אַריינגיין, איז צו מיר צוגעקומען אַ הויכער געזונ־טער איד מיט זיין פרוי און שיין טעכטערל, זיך מיט מיר באַקענט און מיך איינגעלאַדן אויף טיי צו זיך אין הויז אַריין.

און דאָ הייבט זיך אָן מיין ערשטע און לעצטע ליבע מיט מיין טייע־רער פרוי. איר נאָמען איז געווען פריידעלע.

זי איז נאָך קיין פופצן יאָר ניט אַלט געווען, ווען איך בין געקומען צו איר אין הויז אַריין. איך בין צו איר באַלד צוגעצויגן געוואָרן.

די עלטערן האָבן צו מיר גערעדט וועגן מיין גוט שפּילן און איך האָב זיי אַמוזירט. און איך האָב נאָר געהאַלטן אין איין קוקן אויף דעם שיינינ־קען מיידעלע מיט אירע שיינע האָר און אירע שיינע קינדערשע אויגן. זי איז געוואָרן צו מיר אויך ניט־גלייכגילטיק. מיר האָבן גענומען אַ שפּאַ־ציר אויפן בולוואַרד.

אַך וואָס פאַר אַ טייערע צייט דאָס איז געווען! ווען איך פלעג קומען צו איר אין הויז אַריין, פלעג איך עפּעס ברענגען. איך פלעג אָפט זינגען פאַר איר און אירע עלטערן. איך פלעג גיין מיט מיין צוקונפטיקן שווער אין טראַקטיר אַריין טרינקען טיי. ער פלעגט מיך פאָרשטעלן פאַר יעדן: „אָט דער ליטוואַק איז מיין צוקונפטיקער איידעם!" ער האָט שטאָלצירט מיט מיר.

דאָס זיינען געווען די פריילעכסטע און ליכטיקסטע מאָמענטן אין מיין לעבן. דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל מיין ליבשאַפט צו דער שיינער מיידל האָט אין מיר אַריינגעגעבן עפּעס נייעס אין מיין לעבן און איך האָב זיך אָנגעהויבן אויפפירן אַנדערש.

זי איז געווען אַ גרויסע בריה. זי פלעגט אַרבעטן אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק. זי איז געווען אַ גיכע האַנט, ניט שלעכט פאַרדינט (אָך און וויי) אַרום דריי רובל אַ וואָך און אַמאָל מער.

ווען זי פלעגט קומען אַהיים פון דער אַרבעט, האָט זי זייער פיל אַרויסגעהאָלפן דער מוטער.

„זי איז ביי מיר דאָס בעסטע קינד", — פלעגט איר מוטער צו מיר

זאָגן, — „זע, חיים׳קע, גיב גוט אַכטונג אויף איר!“ אויך איר פאָטער האָט צו מיר אַזוי גערעדט.

אין דער זעלבער צייט בין איך געווען פאַרקאָכט אין אַרבעטער־אינ־טערעסן. וואו ערגעץ אַ טומל, אַ סטאַטשקע, אַ סטרייקל, בין איך דאָרטן געווען. איך האָב פאַרלוירן מיין שטעלע, ווייל מיר האָבן גוט אָנגע׳־הרג׳עט אַ סקעב. (1896).

איך בין זיך געקומען געזעגענען מיט מיינע צוקונפטיקע שווער און שוויגער און מיט מיין געליבטער. אין הויז איז געוואָרן אַ יללה. חתונה האָבן האָבן איך ניט געקענט, ווייל איך האָב זיך געדאַרפט שטעלן צום פריזיוו.

האָב איך פאַרגעשלאָגן מיין געליבטער, אַז מיר זאָלן ביידע פאָרן קיין אָדעס צו איר שוועסטער. און ביי איר שוועסטער אין הויז געשטעלט אַ חופה.

:: :: ::

איך האָב געבראַכט קיין אָדעס אַ גוטע רעקאָמענדאַציע, אַז איך בין געווען אַ גוטער אַרבעטער און אַ גוטער סאָציאַליסט אין סימפעראָפאָל. אין סימפעראָפאָל בין איך געווען אויף עטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די סאָציאַל דעמאָקראַטן. נו, האָט מען מיר געקראָגן אַ שטעלע ביי איינעם אשר טור־ריאַנסקע, אויך ניט קיין פראָסטער איד, אָבער אַ כיטרער. ער פלעגט מיט מיר ליב האָבן צו רעדן פון וויסנשאַפטלעכע זאַכן.

געקראָגן האָב איך אַרום פיר רובל אַ וואָך און געאַרבעט פון זעקס פרי ביז זעקס אָוונט. ביז מיר האָבן זיך צעבונטעוועט און ארויסגעשטעלט פאָדערונגען. האָט איינער, אַ „זאַקרויטשיק“, אַ צושנייַדער, אונדז פאַר־ראַטן. ער האָט געהייסן מענדל. מיר האָבן אים גערופן „מענדעלע קור־ווע“, ווי מיר פלעגן רופן יעדן סקעב.

מיר האָבן צו אים געשיקט אַ קאָמיסיע און אים געבעטן, אַז ער זאָל ניט סקעבן. האָט ער דער קאָמיסיע אָנגעבראָכן די ביינער. האָבן מיר געכאַפּט אין אַ ווייַן־קעלער און אים אַזוי צעקלאַפּט, אַז מע האָט אים גע־מוזט נעמען אין אַ שפּיטאָל.

אין דער זעלבער נאַכט זיינען געקומען צוויי זשאַנדאַרמען צו מיר אין צימער אַריין, וואו איך בין רואיק געשלאָפן. זיי האָבן געזוכט אין אַלע ווינקעלעך און מיך אַרעסטירט.

זעקסן זיינען מיר געוואָרן יענע נאַכט אַרעסטירט. אין ניקאָלייעוו־סקע אוטשאַסטאָק (פּאָליציי־סטאַנציע), וואו איך האָב געגעכטיקט, זיינען די מערסטע פון מיינע חברים געווען צעשלאָגן פון דער אויספאָרשונג.

אין צוויי טעג אַרום האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַ טורמע, וואו

דער פֿאָלקס-זינגער פֿון בראָנזוויל

איך בין אָפּגעזעסן פֿופֿציק טעג פֿאַר „שטערן די רו״, דאָס הייסט, פֿאַר שלאָגן דעם סקעב.

כאָטש מע האָט דערציילט אויף מיר, אַז איך האָב פֿאַרטיילט „איס־קרא״־צייטונגען אין אַ טראַקטיר, האָט מען מיך דערפֿאַר ניט באַשטראָפֿט, ווייל מ׳האָט ביי מיר קיין ליטעראַטור ניט געפֿונען.

ס׳איז אונדזער גליק געווען, וואָס דער סקעב איז אויסגעהיילט געוואָרן אין שפּיטאָל, ווען ניט, וואָלטן מיר געקראָגן אַ גרעסערע שטראָף.

אין טורמע האָב איך געזונגען און דעקלאַמירט לידער פֿאַר מיינע נייע פֿריינט. אויך געפֿירט מיט זיי שמועסן וועגן אַרבעטער־פֿראַגן.

מיר פֿלעגן דערגיין די יאָרן דעם וואַכמאַן. מיר האָבן געוואָלט מער עסן און מער פֿרייהייט. עס איז געקומען צו אונדז דער פּריסטאַוו, אַ שיכור, און געסטראַשעט מיט קלעפּ. מיר האָבן אויסגעפֿירט, אַז מע זאָל אונדז פֿירן אין באָד אַריין.

אין באָד האָבן אונדז חברים געבראַכט הילף: געלט, שפּייז, שנאַפּס.

די פֿופֿציק טעג טורמע האָבן מיך פֿיל געלערנט. ווען איך בין ארויס אויף דער פֿריי, בין איך אַריין צווישן די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. איינער, אַ חבר פֿעלדמאַן, האָט מיך אהין אַריינגענומען.

אין דער צייט פֿון מיין אַרעסט איז אַוועק אַ דעלעגאַציע פֿון פֿרויען (צווישן זיי — מיינע) צום גענעראַל־גובערנאַטאָר שיפּעוואַלאָוו און געבעטן אונדזער באַפֿרייאונג. דערפֿאַר איז אונדזער טערמין פֿאַרקלענערט געוואָרן פֿון דריי מאָנאַטן אויף פֿופֿציק טעג.

⁘ ⁘ ⁘

איך האָב זיך ד׳ערמאָנט אָן אַן עפּיזאָד, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין 1900, ווען איך בין געווען אין אָדעס. עס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. האָב איך ניט געקענט איינזיצן ביי דער מאַשין. בין איך אַרויסגעלאָפֿן זען צי איך קען עפּעס טאָן, אימיצן ראַטעווען. איך בין צוגעקומען צום טאָלטשאָק (מאַרק־פּלאַץ) און געזען ווי מע שלאָגט אַ יונגן בחור. יעדערער האָט געשלאָגן, האָט מיר גענומען קאָכן מיין בלוט. אָבער גאָר נאָענט צוגיין וואָלט געמיינט קריכן אין פֿייער אַריין אָן אַ נוץ. דערווייל האָב איך דערפֿילט, אַז איך האָב אַ גרויסן שרויפֿן־ציר ביי מיר אין קעשענע. עס איז שוין געווען פֿינצטערלעך. מיטאַמאָל איז אָנגעלאָפֿן אַן אַלטער איד און אַ כוליגאַן איז אים נאָכגעלאָפֿן און אים אומגעוואָרפֿן און גענומען שלאָגן. דאַן האָב איך אַרויסגענומען דעם שרויפֿן־ציר און אים, דעם כוליגאַן, דערלאַנגט אַזאַ זעץ אין דער זייט אַריין, אַז ער איז באַלד אַוועקגעפֿאַלן.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

איך בין אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין אַ גראָסערי, באַקאַליי־קראָם. נאָר דער קרעמער האָט מורא געהאַט און מיך געטריבן פון קראָם. דער־וויל איז אַריינגעקומען אַ פּאָליציי־מאַן אין קראָם. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך אַריבערפירן די גאַס. האָט ער זיך צעלאַכט, געעפנט די טיר און מיך אַרויסגעשטויסן. איך בין געלאָפן און געפאַלן און ווידער געלאָפן, ביז איך האָב זיך דורכגעריסן צו מיין היים. איך האָב געוואוינט אויף דער גאספּיטאַלנע גאַס. אַז מיין פרוי האָט מיך דערזען, האָט זי גע־וויינט פאַר פרייד.

אויף מאָרגן בין איך ניט געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווייל פון דעם פאַל האָב איך זיך גוט צעקלאַפּט. איך האָב דערפאַר פאַרלוירן מיין שטע־לע.

נאָר מיין פרוי האָט דעמאָלט געאַרבעט אין אַ פּאַפּיראָסן־פאַבריק, און פון אירע פאַרדינסטן האָבן מיר זיך געשפּייזט.

:: :: ::

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אָנצורוקן דאָס יאָר פון מיין פּריזיוו. און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן אָדעס. מיר זיינען אַוועק קיין סימפעראָפּאָל זיך געזעגענען מיט מיין פרוי׳ס עלטערן. פון דאָרטן זיינען מיר אַוועק קיין קוידאַנאָוו זיך שטעלן צום פּריזיוו.

אין קוידאַנאָוו האָט שוין געוואַרט אויף מיר אַ שיפסקאַרטע פון מיינע ברידער אין אַמעריקע.

דאָס געזעגענען זיך מיט מיינע פריינט און אייגענע איז געווען זייער שווער און טרויעריק. ווייל איך און מיין פרוי זיינען געוואָרן ביי יעדן באַליבט.

ווען מיין פאָטער האָט דערזען מיין שיינע פרוי, האָט ער מיר שוין אַלעס מוחל געווען און מיין מאַמע האָט געטאַנצט פון פרייד.

דער זיידע איז שוין געווען טויט.

איך בין געווען דריי חדשים אין קוידאַנאָוו און געוואַרט אויפן פּרי־זיוו. וואָס פאַר אַ פריילעכע דריי חדשים דאָס זיינען געווען.

דאָס אָרעמע שטעטעלע קוידאַנאָוו, וואָס האָט אַרויסגעגעבן גרויסע געלערנטע מענטשן, גרויסע רעוואָלוציאָנערן, האָט מיך זייער פיין אויפגע־נומען.

מע פלעגט אונדז רופן אויף כיבוד. מיין פרוי האָט מען גערופן די אָדעסערקע. איך פלעג זינגען מיינע פריילעכע לידער, וואָס זיי האָבן פריער ניט געהערט. ביז עס איז געקומען דער פּריזיוו.

מע האָט מיך אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. מיר האָבן מיט די פּריזיוו־

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

ניקעס אַ הוליע געטאָן. מיר זיינען אַוועק אין פאַרזאַמלונגס־פונקט (סבאָר־נעם) אין מינסק. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן עטלעכע גאָוואָבראַנצעס (אַנטיסעמיטן), האָבן מיר זיי גוט צעקלאַפט. מע האָט מיך אַרעסטירט און געבראַכט מיט אַ קלאַגע צום וואָיענסקן נאַטשאַלניק, מיליטערישן אָנפירער, אַלס שלעגער. דער נאַטשאַלניק האָט געעפנט אויף מיר אַ מיאוס מויל. איך האָב געזאָגט, אַז ער האָט ניט קיין רעכט מיך צו זידלען. דערפאַר האָט ער מיך באַשטראָפט, אַנשטאָט צו פאָרן דינען אַלס סאָלדאַט אין גראָדנע, ווי פריער באַשטימט, האט ער מיך געוואָלט פאַרשיקן אין וויטן סיביר: „דו וועסט דאָרטן דערפרוירן ווערן!" — האָט ער געשריגן און מיך פאַרשפאַרט אין טורמע.

פון דער טורמע אין מינסק בין איך אַנטלאָפן מיט דער הילף פון מינסקער רעוואָלוציאָנערן.

:: :: ::

דער אַגענט, וואָס האָט מיך געפירט קיין אַמעריקע, האָט מיך מורא געהאַט צו פירן מיט זיין קאמפאניע, האָט ער מיך געשיקט באַזונדער. איך האָב זיך געפונען אין אַ וואַגאָן מיט מענטשן פון מיין שטעטל, וואָס זיינען געפאָרן פון מינסק. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מע זוכט מיך ארום אין מינסק אַלס אַן אַנטלאָפענער אַרעסטאַנט.

אין ניגאָרעלע האָט מיך מיין פאָטער באַגעגנט אויפן וואָקזאַל. ער האָט געוויינט פאַר מיר: „וואָס האסטו געטאן, מע זאָגט, אַז דו האָסט געשלאָגן דעם וואָיענסקע נאַטשאַלניק?" עס קלינגט מיט דיר אומעטום, האָט ער דערציילט. מיר האָבן זיך געזעגנט. ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיין אַן ערלעכער איד, אָפּהיטן אידישקייט און זאָגן נאָך אים קדיש, ווען ער וועט שטאַרבן.

אין גראָדנע האָט שוין אויף מיר געוואַרט אַן אַגענט, וואָס האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרדאַכט, און דאָך מיך אַריבערגעפירט די גרענעץ.

איך בין אָנגעקומען קיין האמבורג. איך האָב אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראמע אַהיים: „פריי, האַמבורג". אַזוי האָט מיין טאַטע פאַרלאַנגט. און פון דאָרטן אויף דער שיף „קאַרוסל רוע" קיין אַמעריקע.

עפּיזאָד פון די 200 דאָלער

די שיף האָט מען גערופן „רוע" און מיך האָט מען גערופן „אומרו". האָב איך זיך דערמאָנט אין אַ מעשה פון מיינע קינדערשע יאָרן: מיין פאָטער האָט אַמאָל געליגן 200 רובל ביי אַ געוויסן פראָצענטניק חיים

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

משה אייזערס. געווען עפּעס אַ הויכער בייזער איד מיט אַ גזלנ'ישן אויס־זען. דער טאַטע האָט געדאַרפט דאָס געלט אויף צו ראַטעווען מיין על־טערן ברודער מרדכי, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט צו 21 יאָר.

ווען דער ברודער איז געשטאָרבן, האָט דער טאַטע פאַר אַ פּאָר יאָר ניט געצאָלט, אָבער דעם פּראָצענט פלעגט ער צאָלן. איז איין מאָל דער טאַטע געקומען אַ היים אַ שבת אוונט, געמאַכט הבדלה, און זאָגט צום זיידן: „אוי, האָב איך געכאַפּט אַ מפּלה פון חיים משה אייזערס! ער האָט מיך געזידלט און געסטראַשעט, אַז ער וועט אויף מיר אָנגעבן דעם וועק־סעל! . . . געוואַלד, וואָס טוט מען?"

רופט זיך אָן דער זיידע: „ווייסטו וואָס, נאָ דיר 2 רובל מיט 20 קאָפּיקעס פאַרן פּראָצענט און גיב חיימ'קען (מיר, הייסט עס) און זאָל ער עס צוטראָגן".

דער טאַטע האָט איינגעוויקלט דאָס געלט אין אַ שטיקל פּאַפּיר. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל פריער זאָגן אַ „גוטע וואָך" דעם חיים משה אייזנערן, איך זאָל געבן דאָס געלט און אים זאָגן, אַז פון היינט־אָן און ווייטער וועט דער טאַטע צאָלן אַלע וואָך.

ווען איך בין אַריין צו דעם חיים משה אין הויז, האָב איך געזען, ווי ער איז געזעסן ביים טיש. ער האָט געהאַלטן אין ציילן געלט: פּאַפּיר, זילבער און קופּער. יעדע סומע האָט ער געציילט צוויי מאָל. האָב איך אויסגעשריגן: „אַ גוטע וואָך!" האָט ער מיך דערהערט. האָט ער אַ גע־שריי געטאָן: „וואָס ווילסטו און וועמענס ביסטו?" האָב איך אים גע־זאָגט און דערלאַנגט דאָס געלט. גיט ער זיך אַ שטעל אויף און גיט אויף מיר אַ געשריי: „גיי זאָג דעם טאַטן דיינעם, יאַנקלען, אַז ער זאָל מיר ברענגען מאָרגן דאָס געלט, אויב ניט וועל איך איינגעבן אויף אים דעם וועקסל". ער האָט דערווייל אויסגעזוכט מיין טאַטנס וועקסל און דאָס צו־ריק אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

איך האָב מיט איין האַנט אים צוגעטראָגן דאָס געלט צו די אויגן און אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס דערווייל נעמען, און מיט דער צווייטער האַנט האָב איך אַ כאַפּ געטאָן דאָס וועקסל און אַריינגעקנייטשט אין מיינע פינגער. איך האָב אויסגעשריגן: „אַ גוטע וואָך!" און אַוועק.

ווען איך בין אַהיים געקומען האָט געציטערט אויף מיר הענט און פיס. דער זיידע האָט געדרעמלט און דער טאַטע האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

פאַר כעס האָב איך געהאַלטן אַ האַלבן וועקסל אין מויל און געקייט און דער אַנדערער האַלב איז געליגן ביי מיר אין האַנט.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

איך האָב דערציילט מיין טאַטן, וואָס איך האָב געטאָן, ווייל ער האָט געסטראַשעט איינצוגעבן דעם וועקסל אין געריכט.

מיין טאַטע האָט זיך דערשראָקן און אויסגעשריגן: „דו ווייסט, וואָס דו האָסט געטאָן? — דאָס איז דאָך גנבה!"

נאָר דער זיידע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט און געהערט די מעשה, האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל: „הגונב מן הגנב פּטור. דער וואָס גנב'עט ביי אַ גנב קומט גאָרניט. דו זאָלסט נאָר זאָגן, אַז דו ווייסט פון גאָרניט!"

אויפן צווייטן אינדערפרי, ווען איך בין נאָך געליגן אין בעט, האָב איך דערהערט אַ גרויסן טומל. דער חיים משה איז צוגעלאָפן צו מיר און אָנגעהויבן שרייען: „דו קליינער גנב, וואו איז דער וועקסל?"

דאָ האָט מיין טאַטע געקראָגן לשון און אים אַ גען געטאָן: „מיין קינד איז ניט קיין גנב, א י ר האָט דאָס גאַנצע שטעטל באַ'גנב'עט!"...

:: :: ::

און איצט לאָמיר זיך אומקערן אויף דער שיף. דריי וואָכן האָט גע־נומען די רייזע. אויף דער שיף האָב איך געזונגען לידער פאַר מיינע מיטרייזנדיקע, געהוליעט און גוט פאַרבראַכט. אין די אָוונטן, ווען איך בין געבליבן אַליין, האָב איך געבענקט נאָך מיין פרוי און מיינע אייגענע.

מיר זיינען אָנגעקומען אין באַלטימאָר. אין באַלטימאָר האָט שוין געוואַרט אויף מיר געלט אויף רייזע־הוצאות. פון דאָרטן בין איך גע־פאָרן קיין האַמילטאָן, וועסט ווירדזשיניע. אַ שטעטל פון קוילן־מיינערס, ליטווינער און נעגערס. זיי פלעגן זייער מיאוס באַהאַנדלט ווערן. די מי־נען זיינען ניט געווען פאַרזיכערט. געווען אַ שטענדיקע געפאַר. טעגלעך פלעגן טרעפן פאַלן, וואו מיינערס זיינען געטויט אָדער פאַרקריפּלט גע־וואָרן.

איך האָב געפּעדלט מיט דזשאַנק און מיט פיש. פלעג איך זיך אָנזען מיט צרות פון די אָרעמע מיינערס. פיל מאָל פלעג איך רעדן צו די ליט־ווינער, וואָס האָבן פאַרשטאַנען רוסיש, אַז זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן. זיי פלעגן זיך דערשרעקן און ניט וועלן רעדן מיט מיר. די קאָמ־פּאַניס האָבן געהאַט סטאָרס און אייגענע געלט־קופּאָנען און דורכדעם זיי־נען די מיינערס געצוואונגען געוואָרן צו קויפן אין די סטאָרס.

ענדע פון יאָר 1902, אין אַ קליין קויל־מיין שטעטל טאַמוז, וועסט ווירדזשיניע. מיינעביידע ברידער זיינען געווען דזשאַנק־פּעדלערס. נו, האָב איך זיך אויך גענומען צום פּעדלען און זיך גוט אויסגעצייכנט. מיר פלעגן גיין צו פוס מיט אַ זאַק און קלייבן ראַבער (גומי) און מעטאַל. שפּע־טער זיך אַרויפגעאַרבעט און געקויפט אַ פערדל. געווען אַן ערלעך פער־

דעל, אָבער ווען מע האָט עס ניט געגעבן גענוג האָבער, האָט עס גע־סטרייקט, און די בייטש האָט געמוזט שליכטן דעם סטרייק. אָבער איך פלעג עס ניט שמייסן, איך האָב ניט געהאַט קיין האַרץ דערצו. איינמאָל האָט געטראָפן, אַז איך האָב זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און דערלאַנגט מיט דער בייטש, האט דאָס פערדל אויסגעקערעוועט צו מיר דעם קאָפּ און געגעבן אַ קוק אויף מיר, ווי איינער רעדט: „אַזוי באַגייט זיך אַ סאָציאַ־ליסט מיט אַן אַרבעטער?״ . . .

עס האָבן זייער פיל זאַכן געטראָפן מיט מיר פעדלענדיק. אָבער איך האָב פאַרדינט ניט שלעכט. אין אַכט חדשים (כאַדאָשים) אַרום נאָך מיין אָנקומען קיין אַמעריקע, האָב איך אַריבערגעבראַכט מיין שיינע ליבע פרוי, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער אינטערעסאַנטער לעבן.

אָבער צו לאַנג זיין אין דעם קליינעם שטעטעלע האָבן מיר ניט גע־קענט, האָבן מיר זיך אַריבערגעצויגן קיין הארלי, וויסקאָנסין.

אין 1904 זיינען מיר געקומען אין האַרלי, וויסקאָנסין. דאָ האָט זיך שוין פאַר מיר אָנגעהויבן אַ נייער קולטורעלער לעבן. איך האָב שוין אָנ־געהויבן צו קריגן אַ צייטונג, ביכער צום לייענען פון דער ביבליאָטעק. אויך ענגלישע צייטונגען געלייענט.

אַ קליין שטעטל, האָבן זיי מיך באַלד געמאַכט פאַר וויצע־פּרעזידענט פון דער חברה קדישא (כעווורע־קאַדישע). אין שול אריין פלעג איך ניט גיין, פלעגן די אידן זיין אויף מיר ברוגז (ברויגעס). נאָר עס פלעגט עפּעס זיין אין שטעטל אַ שמחה (סימכע), פלעג איך זיי מחיה (מעכאַיע) זיין מיט מיין לעבעדיקייט. זיי פלעגן אויפלעבן. אויך מיין פרוי האָט געשפּילט אַ ראָליע צווישן די פרויען. אַלע האָבן זי ליב געהאַט פאַר איר שטיל־קייט און פאַר איר „ריינעם מויל״.

מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט אירע צוויי שוועסטער מיט זייערע פאַמי־ליעס. מיר האָבן זיי געהאָלפן אַרויפאַרבעטן זיך. זיי זיינען אָבער ניט געווען דאַנקבאַר.

אַז מע פאַרזייט גוט, וואַקסט גוט. אַזוי איז אויסגעקומען מיט מיר און מיין פרוי. מיר זיינען שטענדיק געווען גאַסטפריינטלעכע. און צי־מערן האָבן מיר געהאַט זעקס. איז איין צימער מיט צוויי בעטן אימער גע־שטאַנען ליידיק. איז אַז עס פלעגן דורכפאָרן אָרעמע מענטשן, פלעגן זיי איינשטיין ביי אונדז. אַמאָל פלעגן מענטשן פאַרגעסן זאָגן דעם „זיי־גע־זונט״, און ס׳האָט טאַקע דערנאָך עפּעס געפעלט אין הויז . . .

עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַמאָל, ווען איך בין געפאָרן אין אַ שטעטל פעדלען, האָב איך באַמערקט דריי יונגעלייט, פאַרפינצטערטע,

פאַרשמאַכטע. זיי האָבן געקוקט אויף מיר און איך אויף זיי. ביז איך בין צוגעגאַנגען צו זיי און אַ זינג געטאָן:

„וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,

אָבער אידן זיינען מיר!"

און זיי דערלאַנגט אַ שלום-עליכם. ס'איז געוואָרן ביי זיי אַ פרייד. מיר האָבן זיך צערעדט. דערציילן זיי מיר, אַז זיי פאָרן קיין מינעאַפּאָליס. איינער איז פון שיקאַגע און צוויי זיינען פון מילוואָקי. זיי מוזן זיך אָפּשטעלן אין איירענווּד, אַן אייזן-מיינער שטעטל נאָר איין מייל פון האַרלי, וואו איך האָב געוואוינט.

האָב איך זיי געגעבן אַביסל געלט, אַז זיי זאָלן עפּעס קויפן עסן ביז איך וועל קומען אַהיים אַרום זיבן אין אָוונט. און איך בין מיר אַוועק מיט מיין „דריי-גודס" פּעקל פּעדלען.

איך האָב זיי אויך געגעבן אַן אַדרעס צו אַ רייכן אידן מאַרקס און אים געשריבן, אַז ער זאָל אויף זיי אַכטונג געבן ביז איך וועל קומען אהיים.

ווען איך בין געקומען אַהיים, זיינען זיי שוין געזעסן אין מיין הויז. מיין פרוי האָט זיי שוין אויפגענומען. דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען געגעסן וועטשערע מיט אַביסל שנאַפּס און ביר. ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי זיך שוין ניט געקענט אויפהייבן פון די פּלעצער. איך האָב זיי אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק. זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די בעטן מיט די קליידער און זיינען אָפּגעשלאָפן פון 9 אָוונט ביז 10 אינדערפרי.

אויף מאָרגן האָב איך פאַר איינעם געקראָגן אַ דזשאָב. ער איז געווען אַ שניידער און זיין נאָמען איז געווען פינקוס. און די איבעריקע צוויי — דזשייקאָבס און גאָלדבערג, זיינען אָפּגעשטאַנען ביי מיר עטלעכע טעג, ביז זיי זיינען אַוועק קיין מינעאַפּאָליס.

אין זעקס מאָנאַטן אַרום, אין אַ פרימאָרגן, קלאַפּט אימיצער אין מיין טיר. איך עפן אויף די טיר, דערזע איך אַ שיינעם געזונטן יונגן מאַן. ער גיט מיר שלום-עליכם און שמייכלט צו מיר. איך קוק אויף אים און דערקען אים ניט. ער זאָגט מיר, אַז ער איז מיר געקומען באַצאָלן אַ חוב (כויוו). ער נעמט אַרויס צוויי צענערלעך. איין צענערל וואַרפט ער אַריין אין וויגעלע, וואו מיין קינד איז געשלאָפן און דערלאַנגט מיר דאָס צווייטע צענערל. איך מיט מיין פרוי קוקן זיך איבער און פאַרשטייען ניט דעם מאַן. ערשט ווען ער האָט אונדז דערמאָנט דעם נאָמען גאָלדבערג און דערציילט, וואָס מיר האָבן פאַר אים געטאָן, האָבן מיר אים דערקענט. דערנאָך האָט ער מיר נאָך געקויפט אַ שנעפּסל און מיין פרוי אַ מתנה און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים קיין מילוואָקי.

און דער דריטער איז מיר ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

:: :: ::

איך בין אַמאָל דורכגעגאַנגען דורך אַ הויז. הער איך ווי אַ פרוי וויינט. אַ באַקאַנטע פרוי. איר נאָמען איז געווען מיסעס מאַרגאָליס. פרעג איך איר פאַרוואָס זי וויינט. שרייט זי אויס: „אוי ווי איז מיר, מיין קינד איז מיר פאַרביי, עס ברענט ווי אַ פייער!" גיי איך צו צום ווי־געלע, גיב אַ קוק אויפן קינד, און זאָג צו איר: „מע דאַרף דעם קינד אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע (אייען־האָרע — בייז־אויג)". שרייט זי אויס: „האָט רחמנות (ראַכמאָנעס), שפּרעכט אָפּ!" האָב איך זיך שוין פון איר ניט געקענט אויסדרייען און צו איר געזאָגט: „די ערשטע זאַך נעמט אַרויס דעם טלית (טאַלעס) מיטן סידור פון דעם קינד'ס צוקאָפּנס, און דאָס צווייטע, גרייט צו וואַרעמע וואַסער, ווייל איר וועט דעם קינד דאַרפן מאַכן אַ קלעסטיר (אויסרייניקן דעם מאָגן)". זי האָט זיך גענומען צו דער אַר־בעט. און איך האָב דערווייל גענומען אַ האַנטוך און אָנגעהויבן מיט דעם דרייען און פאָכען צום הימל, פאַרגלאָצט מיט די אויגן און אָנגעהויבן מורמלען אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. איך האָב אויסגעשריגן עטלע־כע מאָל דעם נאָמען פון איר באָבען, נאָך וועמען מע האָט דעם קינד אַ נאָ־מען געגעבן. די פרוי איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטע. איך האָב עפּעס גערעדט צו איר באָבען! דערנאָך האָב איך איר געהייסן איינעצן דעם האַנטוך אין קאַלטער וואַסער און צולייגן צום קאָפּ.

ווייזט אויס, אַז מיינע רפואות (רעפוּעס) האָבן געהאָלפן. אויף מאָרגן ווען איך בין אַריין צום שוחט (שויכעט) קויפן פלייש, האָב איך דאָרטן געטראָפן די פרוי. אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי אויסגעשריען: „רב זינגער, איר האָט מיר געראַטעוועט מיין קינד!" פרעגט מיך דער שוחט, וואָס איך האָב אַזוינס געטאָן, האָב איך אים דערציילט, האָט ער זיך גע־וואָלט צעלאַכן, האָב איך אים אָפּגעשטעלט מיט אַ וואונק. פון דעמאָלט אָן האָט זי מיר געמאַכט אַ נאָמען אין שטאָט אלס אַן עין־הרע־אָפּשפּרעכער.

:: :: ::

איינמאָל, דאָס איז געווען אין אַן ערשטן מאַי, גיי איך מיר אין איירנוויד, זע איך ווי מענטשן לויפן. לויף איך אויך. זע איך עס שטייען מענטשן מיט באַנערס אַמעריקאַנער און סאָציאַליסטישע און זיינען שטאַרק אויפגערודערט. ערשט איך באַמערק די פאָדערשטע רייען זיינען געווען באַשפּריצט מיט וואַסער. איך וויל אויסגעפינען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, קענען זיי ניט רעדן קיין ענגליש. פרעג איך ווער עס רעדט רוסיש, האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף איינעם לואי לאַווקי. האָב איך זיך מיט אים

צערעדט און אים דערציילט, אַז איך בין אַ סאָציאַליסט. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן געוואָלט מאַרשירן אין אַ פּאַרק צו אַ פּיקניק, האָט מען זיי ניט געלאָזט. מע האָט אָנגעשטעלט קעגן זיי די פּייער־לעשער.

איך האָב זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין דער פינישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיר האָבן יענעם טאָג גוט פאַרבראַכט אין פּאַרק. מיר האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

מיר זיינען אַוועק זוכן אַ פּלאַץ פאַר מיטינגען, נאָר קיינער האָט אונדז ניט געוואָלט פאַרדינגען קיין זאַל. האָבן מיר באַשלאָסן צו בויען אַן אייגענעם צענטער.

יעדער איינער האָט געגעבן וואָס ער האָט נאָר געהאַט. אייניקע האָבן אַוועקגעגעבן אויריינגלעך און פינגערלעך. און אַז ס׳איז געוואָרן די ערשטע פּאָר טויזנט דאָלער, האָבן מיר געקויפט אַ „לאַט" און מיר האָבן זיך געשטעלט בויען אַן אייגענע הויז. איך האָב געפירט די „טאַטשקע" מיט ערד און שטיינער, וואָס מע האָט צעגראָבן פאַרן פונדאַמענט.

(דער לואי לאַווקי, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָפיצער אין דער רוסישער צאַרישער אַרמיי און געדינט אין ביאַליסטאָק, איז געווען אַ געלערנטער מאַן, אַ פינישער רעוואָלוציאָנער. ער האָט געקענט שפּראַכן. געפינט זיך ערגעץ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער איז געווען דער אָנפירער.)

ווען אונדזער זאַל איז פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר געהאַט אויסצושטיין צרות פון גאַסן־יונגען, וואָס פלעגן אַריינוואַרפן שטיינער. מיר האָבן אַזאַ חברה־מאַן געכאַפּט און געבראַכט אין געריכט. דער ריכטער האָט געהאַלטן פאַר אים אַ שטרענגע רעדע. ער האָט דערקלערט, אַז אַמעריקע איז אַ פריי לאַנד. און קיינער טאָר אונדז ניט שטערן.

און מיר האָבן אויפגעבויט אַ שיינעם זאַל, וואָס ס׳האָט דעמאָלט געקאָסט אַרום 24 טויזנט דאָלער. ווען דער זאַל איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מיר מיין ברודער גרשון, פון ברוקלין, געשיקט 2 בילדער פון קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל. די בילדער האָט מען אויפגעהאנגען לעבן דער בינע און אונטערגעשריבן ווער עס האָט זיי געשאָנקען.

דער דערעפענונג־אָוונט איז געווען איינער פון מיינע גליקלעכסטע אָוונטן. איך האָב זיך געקושט מיט יעדערן. די פינלענדערקעס האָבן מיך גערופן: „היוויא יודעליינא סאָשעליסטא", שיינער אידישער סאָציאַליסט. איך בין עטלעכע מאָל געווען מיט מיין פרוי ביי זייערע קאָנצערטן. און פאַר זיי געזונגען אידישע און רוסישע לידער.

⁘ ⁘ ⁘

1908־1919.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

מיין עלטערער ברודער איז אַוועק קיין דולוט. בין איך שוין אַהין אַרויסגעפאָרן. דולוט איז שוין אַ גרעסערע שטאָט. דאָן זיינען געווען 100 טויזנט איינוואוינער. צווישן זיי אַרום 3 טויזנט אידן. איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן אויף אַ באַוועגונג. האָב איך אויסגעפונען, אַז עס איז אַ „טויטע" שטאָט. מע האָט מיך באַקענט מיט אַ שוסטער בייטן שניידער, דער איינציקער סאָציאַליסט. מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ אידישן סאָציאַליסטישן לאָקאַל. די שטאָט האָט אָנגעהויבן אויפצו־לעבן. מיר האָבן אנגעהויבן אראָפּברענגען לעקטאָרס, רעדנערס. מיר האָבן געגרינדעט דעם אַרבעטער־רינג ברענטש 353. עס האָבן זיך אָפּ־געזוכט גוטע פריינט: מייערס, דזשעפי, ליפּמאַן, סעם דייטש, ליידן און אַנדערע.

מיין פרוי איז געווען טעטיק אין דער ליידיס אָקזילערי פון ברענטש. פון אַ ספּעציעלן פאָנד (לייברערי און לאָן־פאָנד) האָבן מיר אַראָפּגע־בראכט רעדנער, דורכגעפירט אונטערנעמונגען, קאָנצערטן, געשפּילט „טעאַטער".

מאָריס ווינטשעווסקי

ווען מאָריס ווינטשעווסקי איז געווען אין דולוט, האָבן מיר געמאַכט פאַר אים אַ באַנקעט. איך האָב דעקלאַמירט אויפן באַנקעט. דער זיידע, מאָריס ווינטשעווסקי, האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף אַנטוויקלען מיין טאַ־לאַנט, און אַז איך זאָל פאָרן קיין ניו־יאָרק.

מיין עלטערער ברודער אין טעאַטער

מיין עלטערער ברודער איז געקומען אַמאָל אין טעאַטער און מיך געזען שפּילן, איז דאָס אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט דערנאָך זיך אויסגעדריקט, אַז ער שטאָלצירט מיט מיר.

:: :: ::

דאָ האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה (1914). מיר זיינען געוואָרן טעטיק אין „פּיפּלס רעליף", געשפּילט טעאַטער פאַר די מלחמה־קרבנות. מיט איין וואָרט, מיר זיינען געוואָרן דער ליכטיקער שטראַל פון דולוט.

איך האָב אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אַ גרויסער שטאָט. וויל אונ־דזער אָנפירער פון דראַמאַטישן קרייז האָט מיר געגעבן קאָמפּלימענטן.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

ער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ ווי איך דאַרף זיין אין אַ גרויסער שטאָט. איך וואָלט זיך בעסער אַרויסגעזען, מע וואָלט געהאַט בעסערע נוצן פון מיר און איך אַליין וואָלט גאָר אויפגעלעבט.

נו, האָב איך זיך דורכגעשריבן מיט מיין ברודער אין ברוקלין און ער האָט מיך אַרויסגענומען. דאָס איז געווען אין 1919 אין חודש יוני. ער האָט מיר געקויפט אַ געשעפט אויפן ראָג פון דאָגלאַס און סאוטער עוו. פאַר 800 דאָלער. אַ „האַרדוועיר און קרעקערי סטאָר". ער האָט מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ ביזנעסמאַן, נאָר עס האָט אים ניט געגאָלטן. ווייל אַן אָדלער קען מען ניט פאַרשפּאַרן. און אַז מע פאַרשפּאַרט אים גייט ער אונטער. און אַזוי ווי איך האָב ניט געוואָלט אונטערגיין, איז די סטאָר אונטערגעגאַנגען.

אויך מיין פרוי איז ניט געווען קיין גרויסע ביזנעסלײדי. זי פלעגט אָפט וויינען, אַז אַ שלעכטער קאָסטימער האָט זיך געדונגען.

:: :: ::

מיין פרוי איז געשטאָרבן אין יאָר 1936, 21טן יאַנואַר. זי איז אַלט געווען 53 יאָר.

:: :: ::

מעקס מייערס און מעקס סענדערס

מיר האָבן זיך שטענדיק געשאַפן גוטע פריינט. מיט אונדז האָט זיך באַפריינדעט איינער אַ מעקס מייערס, זייער אַ טייערער מענטש. ער האָט געהאַט אַ חבר מיטן נאָמען מעקס סענדערס.

איז ווען איך בין שוין געווען אין ניו־יאָרק, נאָך 1919, איז געקומען צו מיר דער מעקס סענדערס פון סקענעקטעדי. ער איז דעמאָלט געווען אויף צרות (צאָרעס). מיר האָבן אים גענומען צו זיך אין הויז אַריין. מיין פרוי האָט אויף אים אויפגעפּאַסט. איך האָב אים געוויזן ניו־יאָרק. ער האָט פאַרבראַכט אַ וואָך צייט. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט ער אונדז צוגעזאָגט, אַז ווען מיר וועלן זיין אין שיקאַגע, וועט ער אונדז אָפדינען.

און ווען מיר פלעגן פאָרן קיין דעטרויט, פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אין שיקאַגע, און דער מעקס סענדערס און זיין פרוי מערי, ביידע טייערע מענטשן, האָבן אונדז זייער פיין אויפגענומען. מיר פלעגן דאָרט פאַר־ברענגען עטלעכע טעג.

דאָס זעלבע מיט מעקס מייערס. מיט אים שרייבן מיר זיך אָפט דורך. מיר האָבן טייערע פריינט פאַלינס אין סאַפּיריער, וויסקאָנסין.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אויך זיין פריינטלעך צו יעדן און זיך איינשאַפן פריינט.

:: :: ::

אַן אוצר מיט געלט און שמוציקע וועש

אין 1919־21, ווען איך האָב געוואוינט אויף סאָטער עוו., האָב איך געהאַלטן אַ לאונדרי. איינמאָל האָב איך גענומען אַ פעקל שמוציקע וועש ביי אַ מיסעס. איך האָב דעם פעקל פאַרבונדן און שפּעטער אַוועקגעשיקט אין דער וועט־וואש לאָונדרי. מיטאַמאָל איז אַ מיידל געקומען צו פליען. זי וויל צוריק דאָס פעקל וועש. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָרטן געלעגן. איך בין ספּעציעל אַוועק אין דער וועט־וואש און אָפּ־געבראַכט די לאונדרי. ווען איך בין געקומען צו יענער פרוי איז זי גע־לעגן אַ פאַר׳חלש׳טע אין בעט און די שכנים האָבן זי געמונטערט. ס׳איז דאָרטן געלעגן איר גאַנצער פאַרמעגן צירונג אין דעם. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן מיר אָנגעוואונטשן אַ סך גליק פאַר אַזאַ מצווה.

:: :: ::

פאַרלוירן דעם סטאָר האָב איך געזוכט אַן אַנדער פּרנסה. איך האָב געפונען אַ נייע ביזנעס. איך בין אַריין אין אַ „וועט־וואש" לאָונדרי קאָר־פּאָריישאַן מיט 9 שותפים. מיר איז באַלד ניט געפעלן געוואָרן זייער שפּראַך און זייער באַנעמען זיך מיט די אַרבעטער.

ביי די מיטינגען פון דעם קאָרפּאָריישאַן האָב איך געפאָדערט, אַז מע זאָל העכערן די שכירות פון די אַרבעטער. און דערפאַר האָבן זיי מיך גערופן דער „באָלשעוויק".

איינמאָל בין איך געקומען אין לאָונדרי, באַגעגנט מיך דער וואַשער און גיט מיר אָפּ מזל־טוב, זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ זון. פרעג איך אים וויפיל ער קריגט אַ וואָך. זאָגט ער מיר 24 דאָלער. זאָג איך אים, אַז ער זאָל אַריינקומען פּריוואַטיק אַרום 3 אזייגער אין אָפיס און ער זאָל אונדז, די באַלעבאַטים, דערציילן אַז זיין פרוי האָט אים געבוירן אַ זון, און אַז ער זאָל בעטן כאָטש 30 דאָלער אַ וואָך. ער האָט געטאָן ווי איך האָב אים געהייסן. ער האָט געמאַכט אַ שנאַפּס און זיך אָנגענומען מיט מוט און געקומען אין אָפיס. אַז דער פּרעזידענט האָט דערהערט זיין טענה, האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך צעשריען: „יור פייערד".

דער גוי האָט זיך אַזש צעוויינט און אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף

מיר: „באָזשע מאָי, מיין גאָט, מיסטער זינגער האָט דאָך מיר דאָס גע־הייסן טאָן!"

נו, האָט מען מיך גענומען באַליידיקן. האָב איך זיי געגעבן אַ לעק־ציע אין „פּאָליטישער עקאָנאָמיע" און פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן זיך צעטיילן. אַנדערע שותּפים האָבן אויך פאַרגעשלאָגן, אַז מען זאָל זיך צע־טיילן, ווייל מיר האָבן שוין געהערט, אַז סע גרינדעט זיך אַ יוניאָן פון די לאָונדרי אַרבעטער, לאָקאַל 810.

אין אַ וואָך אַרום איז גערופן געוואָרן אַ סטרייק. מע האָט מיך אויס־געקליבן אַלס וויס־טשערמאַן פון דער יוניאָן. עטלעכע וואָכן האָבן מיר געסטרייקט. פיל לאָונדריס האָבן געסעטלט. אָבער ניט די לאָונדרי, „די ביוטי וועט־וואָש", וואו איך האָב געאַרבעט. 7 זיינען אַוועק סקעבן. מען האָט מיר געוואָלט געבן 500 דאָלער, אַז איך זאָל גיין סקעבן, אָבער, פאַר־שטייט זיך, אַז איך האָב זיך אָפּגעזאָגט. איך האָב פאַרלוירן מיין „ראוד" און ניט פאַרלוירן מיין נאָמען.

מ'האָט מיך אַמאָל געשיקט מיט איינעם איזי גאָלדשטיין פּיקעטן אַ לאָונדרי אויפן ראָג הינזדייל און סאָטער עוו. איך בין אויף אַ מינוט אַריין קויפן סיגאַרעטס. איך קום צוריק, מיין חבר ליגט אַ צעבלוטיק־טער. איך האָב אים גענומען אונטערן האַנט און אַוועקגעפירט אין דער יוניאָן.

דאָס איז געווען אין 1923, ערשטער יאָר פון דער „פרייהייט". די יוניאָן האָט געשיקט מיט מיר 2 בריוו וועגן סטרייק. דער „פאָרווערטס" האָט ניט געדרוקט די נייעס און די „פרייהייט" יאָ.

⁂ ⁂ ⁂

און פון דעמאָלט אָן בין איך און אויך גאָלדשטיין געוואָרן שטענדיקע לייענער און שטיצער פון דער „פרייהייט", שפּעטער „מאָרגן־פרייהייט".

ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער אָרדן האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין ברענטש 121 א.פ.פ.אָ.

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין „איקאָר" ווען ער האָט זיך געגרינ־דעט.

איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער איי. על. די.

איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איך האָב געהאָלפן די קינדער־שולן אין די פּאַרקס ביי זייערע פּיק־ניקס און אַנדערע אונטערנעמונגען.

איך האָב געהאָלפן, לויט מיינע מעגלעכקייטן, אַלע טיילן פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

מיין זילבערנע חתונה

אין מערץ, 1925, האָבן מיינע קינדער און אייגענע געפּראַוועט פאַר מיר און מיין פרוי דעם 25־יאָריקן חתונה־יובילײ, די זילבערנע חתונה. עס זיינען געווען אַלע מיינע קינדער און איין אייניקל און געסט פון דולוט. אַרום 100 מענטשן זיינען געווען צוזאַמען מיט די געסט פון דולוט, בראָנקס, יאָנקערס. טעלעגראַמעס זיינען געקומען פון דולוט, שיקאַגאָ, ברוקלין און אַרום ניו־יאָרק.

מ'האָט אונדז געשענקט מתנות. עס איז געווען אַ הערלעכער אָוונט. מיין פרוי האָט געוויינט פאַר נחת. די אָנפירער פון אָוונט זיינען געווען די מייערסעס, ליכטנס, דייטשעס, קאַרנעווילס און אַנדערע פון דולוט.

דער אָוונט איז געווען איינער פון די שענסטע אין אונדזער לעבן. ער איז פאַרגעקומען אין אונדזערע בליענדיקע געזונטע יאָרן.

ליד געדרוקט אין „לאַנדסלייט" געזונגען אין אַ ברוקלינער פּאַרק

ווי אונדזער לייענער און אַלטער וועטעראַן פון ברוקלין, חיים זינ־גער, דער בראָנזווילער מענדעלע מוכר־ספרים, גיט אונדז איבער, ווערט דער זשורנאַל „לאַנדסלייט" גאַנץ גוט פאַרשפּרייט אין דעם לינקאָלן טע־רעס פּאַרק, אין האַרץ פון דער אידישער בראָנזוויל. חיים זינגער האָט פאַר אַ גרויסן עולם געזונגען דאָס ליד „רבקה'לע די שבת'דיקע", דאָס ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנען־ליד וואָס איז געווען געדרוקט אין אַפּריל־נו־מער „לאַנדסלייט". ער האָט דאָס געזונגען מיטן מאָטיוו „אוי, אוי, יאַש־קע פאָרט אוועק". דאָס ליד האָט אַזוי אויסגענומען, אַז מען האָט גע־בעטן, אַז „לאַנדסלייט" זאָל ווידער איבערדרוקן דאָס ליד.

(„לאַנדסלייט", יוני־נומער, 1947).

באָלשעוויסטישער מעכאַניק

איך פלעג אַרומגיין פון הויז־צו־הויז און פאַרריכטן מאַשינען. איך פלעג אַרבעטן ביי פּאָליאַקן און איטאַליענער. אָבער מיט מיין אַרבעט האָב איך אויך אין די היימען געבראַכט די אידייען פון גערעכטיקייט, פון קאָמוניזם. קיין ווערטער האָבן מיר ניט געפעלט און חוצפה (כוצפע) האָב איך געהאַט. און פיל מאָל האָב איך זיך צעקריגט מיט אַ קונד, אַ קאָס־טימער, און פאַרלוירן די צייט און די אַרבעט. נאָר דאָס האָט מיך נישט אָפּגעשטעלט פון מיין פאַרשפּרייטן די אידייען פון אַ שענערער וועלט.

דערפֿאַר האָב איך אָבער געהאַט זייער פֿיל פֿאַרגעניגן, ווען מיר איז געלונגען צו קריגן אַ נייעם פּריינט, איך האָב זיך געפֿילט ווי אַ זיגער. די פּאָליאַקן האָבן מיך גערופֿן „באָלשעוויטשקי מעקעניק", דער באָלשעוויסטישער מעכאַניק.

איך פֿאַרטיידיק קאַפּיטאַן אַלפֿרעד דרייפֿוס

דאַכט זיך, אַז ס'איז געווען אין 1896-1897, אין סימפּעראָפּאָל. איך בין געגאַנגען מיט מיין חבר הערשל דער גראָבער, וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט מיר, אַ מאַשין לעבן אַ מאַשין, אין אַ וואַקס מוזיי. עס איז געווען דאָרטן אַן אויסשטעלונג וועגן דרייפֿוס-פּראָצעס. מיר זיינען געשטאַנען ביי די בילדער פֿון דרייפֿוס, עמיל זאָלאָ און אַנדערע. מיטאַמאָל קומען צו 2 רוסישע סטודענטן. איינער רופֿט זיך אָפּ אויף דרייפֿוס'ן: „אָט דער זשיד האָט געוואָלט פֿאַרקויפֿן פֿראַנקרייך, אָבער מ'האָט אים געכאַפּט אין צייט!" איך האָב דאָס ניט געקענט אויסהאַלטן און אויסגעשריגן: „האַווקעסט ווי אַ הונט, דו פֿאַסקודנער אַנטיסעמיט, ווי וואַגסטו אַזוי צו רעדן?" און איך זידל אים גוט דורך. דער סטודענט וואַרפֿט זיך צו מיר שלאָגן, און איך האַלט אין איין שרייען, אַז ס'וועט זיך נאָך אַרויסווייזן פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דרייפֿוס איז אומשולדיק.

ווען מיר זיינען אַרויס פֿון מוזיי האָב איך געכאַפּט אַ שטיק ציגל און אים צעפּלעט דעם קאָפּ. ער איז אַוועקגעפֿאַלן באַוואוסטלאָז און איך בין אַנטלאָפֿן.

דערנאָך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פּאָליציי איז אָנגעקומען און אים פֿאַרנומען אין שפּיטאָל. אויף מאָרגן איז געווען אין דער טעגלעכער צייטונג „קרימסקי ליסטאָק", אַז אַ איד איז באַפֿאַלן אַ רוסישן סטודענט, דערפֿאַר וואָס דער סטודענט האָט געזאָגט אין אַ שפּאַס, אַז דרייפֿוס איז אַ מאַשעניק. דער איד ווערט געזוכט, ווער עס וועט אים געפֿינען, וועט קריגן אַ באַלוינונג. דער סטודענט ליגט אין שפּיטאָל אַ פֿאַרוואונדעטער...

איך האָב זיך אַ פּאָר וואָכן ניט געוויזן אין יענעם געגנט. איך האָב זיך געקילט מיין ביטער האַרץ אויפֿן אַנטיסעמיט . . .

איך האָב שטענדיק געקעמפֿט קעגן אַנטיסעמיטן, אומעטום, אַפֿילו דאָ אין אַמעריקע, ווען איך בין געווען אַ פּעדלער, אַן אינשורענס-אַגענט, אַ פֿאַררייכטער פֿון זינגער-מאַשינען, אַבי איך האָב נאָר געהערט אַן אַנטיסעמיטישן אויסדרוק פֿון מיינעם אַ קאָסטימער, אָדער פֿון אימיצן אַנדערש, האָב איך שטענדיק פֿאַרטיידיקט דאָס אידישע פֿאָלק.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

אַ באַליבטער פאָלקס-טוער

(צו חיים זינגער'ס 70סטן געבורטסטאָג) פון ס. ד. לעווין

אַן אמת'ער טיפּ פון אַ פאָלקס-טוער אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג איז דער אַלטער און שטענדיק יונגער חיים זינגער.

חיים זינגער קענט איר טרעפן אויף גרויסע און קליינע מאַסן-פאַרזאַמלונגען, אויף דעמאָנסטראַציעס קעגן יקרות, קעגן מלחמה און קעגן דיסקרימינאַציעס. איר טרעפט אים אויף דעם באָרדוואָק אין בראַיטאָן, אין די פּאַרקס, אין בראָנזוויל און אויף גאַסן-מיטינגען. דאָ פאַרקויפט ער אַרבעטער-ליטעראַטור, דאָרט רעדט ער, אָדער ער זינגט אַרבעטער און פאָלקס-לידער. חיים זינגער איז טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אין אָמבידזשאַן, אין אָרדן און אין די קולטור-אָרגאַניזאַציעס. צו זיין 70סטן געבורטסטאָג איז ער מיט דערזעלבער קאַמפס-לוסטיקייט און ענערגיע, ווי ער איז געווען צו זיין 50-יאָריקן יובילייַ און דעמאָלט איז ער אויך געווען ווי אין זיינע אינגערע יאָרן.

חיים זינגער האָט אַ רעקאָרד פון רעוואָלוציאָנערער און געזעלשאַפט-

עקזעקוטיווע פון ברענטש 121, א.פ.פ.אָ.

לעכער טעטיקייט נאָך פון זיינע גאָר יונגע יאָרן.

זינגער האָט געזען אין דער לינקער באַוועגונג די ריכטיקע נאָכפאָל־גער פון אמת'ן סאָציאַליזם, און אין דער „מאָרגן־פרייהייט" די צייטונג, וועלכע פאַרטרעט די אינטערעסן פון אידישן פאָלק און פון די אַרבעטער־מאַסן. און זינגער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן צו העלפן דער דאָזיקער באַוועגונג און דער צייטונג.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה, האָט חיים זינגער געטאָן אַ סך צו העלפן פאַרקויפן מלחמה־באָנדס, געטאָן אַרבעט פאַרן רויטן קרייץ און אַזוי ווייטער.

ברענטש 121 פון אידישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, וואו חיים זינגער איז אַן אַקטיווער מיטגליד, וועט דורכפירן אַ פייערונג לכבוד זינ־גער'ס געבורטסטאָג היינטיקן פרייטיק אָוונט, 21טן מערץ, אין 1638 פּיט־קין עוו., בראָנזוויל.

צוזאַמען מיט אַלע זיינע פריינט און חברים ווינטשן מיר חיים זינ־גער'ן נאָך אַ סך געזונטע און פרוכטבאַרע יאָרן פאַר דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט".

(געדרוקט אין „מ.פ.", מערץ 21, 1947. מיר האָבן אויסגעשניטן די ביאָגראַפישע נאָטיצן אין דעם אַרטיקל. דער לייענער געפינט זיי אין בוך).

באַגריסונגען צו חיים זינגער'ס 70סטן געבורטסטאָג

זונטיק אָוונט, דעם 30סטן מערץ, וועט דער בראָנזווילער ברענטש פון דעם אַמבידזשאַן פייערן דעם 70־יאָריקן געבורטסטאָג פון דעם באַ־קאַנטן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־טוער חיים זינגער, אין לאָקאַל, 33 טאַפּסקאָט גאַס, ברוקלין.

חיים זינגער איז אַ באַקאַנטע פּערזענלעכקייט אין דער אידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין משך פון דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָר־הונדערט. זיין וויכטיקער ביישטייער צו יעדער פּראָגרעסיווער טעטיקייט און אין די אינטערעסן פון די אידישע מאַסן, ווערט הויך געשאַצט פון אַלע זיינע פריינט און מיטאַרבעטער. ער איז פון די גאָר ערשטע טוער אין דער בירא־בידזשאַן באַוועגונג. זיין ביישטייער איז אַלזייטיק, סיי דורך זיין טעטיקייט אין יעדער אַרבעט, ספּעציעל אין דער פאַרשפּרייטונג פון ליטעראַטור, שאַפן געלט פאַר וויכטיקע צוועקן, און סיי מיט זיין פּערזענ־לעכער טאַלאַנטפולער באַטייליקונג אין אונטערנעמונגען ווי אַ זינגער און דעקלאַמאַטאָר.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

זיינע פריינט אומעטום און דער שטאַט־קאָמיטעט פון דער אַמערי־קאַנער ביראָ־בידזשאַן קאָמיטעט באַגריסן אים און ווינטשן אים לאַנגע יאָרן פון טעטיקייט אויף יעדן געביט.

(געדרוקט „ניי־לעבן״, מערץ, 1947).



סעם ליוואַי, חיים זינגער און זיין זון סעם זינגער
פון סינגער און סינגער האַרדוועך

סעם זינגער באַגריסט זיין טאַטן צום געבורטסטאָג

איך באַגריס מיין טייערן פאָטער צום יום־טוב, וועלכן די אָרגאַניזאַ־ציעס אַראַנזשירן אַלס אָנערקענונג פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט. זיכער איז פאַר מיר וויכטיק זיין 70־יאָריקער געבורטס־טאָג, אָבער איך בין שטאָלץ מיט זיין וויכטיקער אַרבעט, וואָס ער טוט אין משך פון איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט, פאַר וועלכן ער ווערט אַזוי געאַכטעט פון טויזנ־טער פריינט איבערן גאַנצן לאַנד.

ס ע ם   ז י נ ג ע ר.

„ניי־לעבן״, מערץ, 1947.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

פ י י ע ר ו נ ג ע ן

פרייטיק אָונט, דעם 21טן מערץ, 1947 האָט ברענטש 121 פון בראָנזוויל דורכגעפירט אַ יום־טוב'דיקן אָונט לכבוד חיים זינגער. ביי דער פייערונג זיינען געווען 200 פריינט.

קאָנצערט און באַנקעט דורכגעפירט פון בראָנזווילער ברענטש א.ב.ק. ביי דער פייערונג זיינען געווען אַרום א 100 מענטשן.

טייערער חבר !

ס'איז פאַר מיר אַ כבוד און אַ פרייד צו באַגריסן דיך צו דיין 70־יאָריקן יובילײ. וואָלט איך געווען אַ פּאָעט, וואָלט איך דיך באַזונגען ווי אַזוי דו קוקסט אויס ביי מיר ווען מיר באַגעגענען זיך. דיינע לויטערע אויגן . . . פינקלען פלאַמיק, דאָס שיין ריין פּנים און מילדער שמייכל, די ווייסע זילבערנע לאָקן זיינען צוגעפּאַסט צו דיין הדרת־פּנים. איך זע אין דיר יענע נביאים ווי ישעיה, עמוס, וועלכע זיינען אַלע מאָל געווען צווישן די אידישע מאַסן, געוועקט און גערופן צום קאַמף קעגן די בלוט־זויגער. אויך דיך, מיין חבר, זע איך אין גאַס און אין פּאַרק און אַפילו אין וואַקאַציע־פּלעצער. דו זינגסט אַרבעטער־לידער, דיינע דעקלאַמאַציעס זיינען טרעפלעך און צייטיק, דיינע אנעקדאָטן זיינען וויציק און ביי־סיק. דער נאָמען חיים זינגער איז באמת צוגעפּאַסט פאַר דיר. איך ווייס חיים'ס, אָבער זיי האָבן ניט אין זיך קיין איין איד, אָבער דו פאַרמאָגסט צוויי אידן. 1. דער יונגער מוטיקער איד ; 2. דער האַרציקער חבריש־נשמה'דיקער איד.

דו האָסט איבערגעלעבט 2 גרויסע מלחמות. האָסט געוואונען אַ זעקסטל־וועלט, וואו דער איד האָט אַלע פרייהייטן. איך ווינטש דיר דו זאָלסט דערלעבן והיה באחרית הימים, וואו אנטיסעמיטיזם און פאַשיזם וועלן אָפּגעמעקט ווערן פון דער וועלט. ווייל איצט מוזסטו נאָך זאָגן און שרייען נחמו, נחמו עמי. איך ווינטש דיר אריכת ימים. נאים ידידך

מרדכי דוב בן יעקב שמעון לינדנבאום.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

דעם 17טן אַפּריל, 1947.

צו די חברים פון שול 27.

טייערע חברים:

צוליב דעם וואָס איך פאַר אַפּ מאָרגן אין אַ צאָל שטעט אויף עטלע־כע טעג, באַדויער איך, וואָס איך האָב נישט קיין געלעגנהייט קומען און פּערזענלעך באַגריסן דעם יוגנטלעכן וועטעראַן־טוער פון דער פּראָגרע־סיווער באַוועגונג און איינער פון די לאָיאַלסטע בויער פון אונדזער אָרדן און די שולן, דעם באַליבטן חבר זינגער, צו זיין 70סטן געבורטסטאָג.

איך בין זייער צופרידן וואָס פאַרשיידענע טיילן פון אונדזער באַווע־גונג האָבן אין די לעצטע פּאָר וואָכן דורכגעפירט יובילײ־פייערונגען לכבוד חבר זינגער'ן, וואָס זיינען געווען געלעגנהייטן אויסצודריקן אָנער־קענונג פאַר זיינע ענערגישע טעטיקייטן און ביישטראָגן צו אונדזער באַ־וועגונג און אוודאי איז עס צום קרעדיט פון שול 27 איינצואָרדענען אַזאַ פייערונג.

סוף־כל־סוף איז אָט־די אָנערקענונג דער איינציקער שכר, וואָס אַ געזעלשאַפטלעכער טוער — איבערהויפּט אַ וואָלונטיר אין דער גרויסער אַרמיי פון אנטי־פאַשיסטישע אַקטיוויסטן — באַקומט אַלס אָנערקענונג. חבר זינגער איז איינער פון די טויזנטער פרייוויליקע און איבערגעגע־בענע טוער, מיט וועלכע אַ באַוועגונג דאַרף זיך גרייסן. און אוודאי שטאָל־צירן מיר מיט אָט־די „פּעכאָטניקעס". ביי דער געלעגנהייט ווינטש איך חבר זינגער'ן נאָך לאַנגע יאָרן פון זיין יוגנטלעכקייט און ענערגישע טע־טיקייטן פאַר די אידעאַלן, צו וועלכע ער ווידמעט זיין לעבן.

חבריש,

ר. יוקלסאָן, רעדאַקטאָר פון דער „טריבונע".

דעם 27־טן מערץ, 1947.

טייערער חבר זינגער:

לעצטן דינסטיק איז אונדז אָנגעקומען די פרייטיקדיקע „מאָרגן־פרייהייט" מיט דער שיינער באַגריסונג פון ס. ד. לעווין צו אייער 70־יאָריקן געבורטסטאָג, מיט אייער פּראַכטפולער פאָטאָגראַפיע און אויך אַ באַריכט וועגן דער אונטערנעמונג פון ברענטש 121 אין אייער כבוד. א שאָד וואָס מיר האָבן ניט געקענט דאָרט זיין פּערזענלעך און פרייען זיך צוזאַמען מיט אַלעמען און טאַקע אויך מיט אייך אין דער גרויסער שמחה. אָבער כאָטש אַזוי ווייט, זיינען מיר געווען שטאַרק צופרידן וועגן דעם צו לייענען. אין נאָמען פון מיין פאַמיליע וויל איך אייך ווינטשן נאָך לאַנ־

גע, לאַנגע געזונטע און פרוכטבאַרע יאָרן. און מיר וועלן אויך אויף ווייטער, ווי ביז איצט, זיין שטאָלץ וואָס מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט, און געזונגען און באַשיינט שמחות אין ברענטש און אין „איקאָר", וואו מיר האָבן צוזאַמען באַלאַנגט.

מיר, פון אונדזער זייט, זיינען אַלע געזונט. סענטער פילט זיך דאָ אַ סך געזונטער ווי אין ניו־יאָרק. די טאָכטער ווערט אַ גרויסע מיידל. איך זינג אין געזאַנגס פאַראיין און מיר שטייען ניט אָפּ פון דער אַרבעט, וועלכע איז אונדז ליב און טייער. גריסט אַלע חברים פון אונדזערטוועגן.

זייט געזונט, חבר זינגער, און נעמט צו אונדזער הייסן וואונטש צו אייער געבורטסטאָג.

נייטן, פרענסיס און עללא מעי סענטער.

לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

27טער מערץ, 1947.

מיין טייערער חבר חיים זינגער! איר זענט אַ געוואַלדיקע אינספּיראַציע פאַר זייער אַ גרויסער צאָל מענטשן מיט אייערע זעלטענע גוטע מעלות:

1) אַן אָפּטימיסט און גלויבער, אַז עס מוז קומען אַ בעסערע און שענערע וועלט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט;

2) און ניט נאָר גלויבט איר, נאָר איר זענט אַ קעמפער אַן אויפקלערער און אַ מוסטער פון אַ טוער צוצוציען מענטשן זיי זאָלן העלפן אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט;

3) איר זענט אַליין אַ ליבהאָבער פון פּראָגרעסיווער אידישער קולטור און העלפט פאַרשפּרייטן דאָס ליד און דאָס שיינע וואָרט פון אונדזערע קולטור־שאַפער.

איך וואָלט נאָך געקענט אויסרעכענען אַ סך אַנדערע מעלות אייערע, אָבער אַ באַגריסונג דאַרף זיין קורץ. ווינטש איך אייך נאָך אַ סך געזונטע יאָרן (ביז 120 יאָר) פון ווייטערדיקער גוטער אַרבעט אויף אונדזער פּראָגרעסיוון אידישן פראָנט און איר זאָלט דערלעבן צו האָבן אַ סך נחת פון אייער אַרבעט!

מיט האַרציקסטע וואונטשן אייער, יוסף וויינשטיין.

נ. ב. מיין חבר'טע אַנאַ וויינשטיין בעט מיך אייך צו זאָגן, אַז זי איז איינשטימיק מיט אַלץ וואָס איך ווינטש אייך און זי שליסט זיך אָן אין דעם.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

ניו-יאָרק, דעם 28טן מערץ, 1947.

טייערער חבר חיים זינגער,

לויט אייער יוגנטלעכן אויסזען, און דער עיקר לויט אייער אַלזייטי־קער טעטיקייט, דאַרף מען וועגן אייך זאָגן אַז איר זייט איצט „יונג זיבע־ציק יאָר". אָט די יוגנטלעכקייט אייערע צו 70 יאָר האָט איר אַליין פיין אויסגעדריקט אין אייער געזאַנג:

„מאַשינען פיקס איך,
לידער זינג איך,
ביכער, זשורנאַלן פאַרקויף איך,
און באַזונדער צופרידן בין איך,
וואָס אויך העלפן פאַרשפּרייטן די „מאָרגן־פרייהייט" טו איך..."

זייט האַרציק געגריסט טייערער זינגענדיקער חבר חיים. ווערט כסדר פאַריונגערט און זינגט ווייטערע צענדליקע יאָרן אייער „צוזינג" צו גוטע מעשים.

כ'שליס זיך אויך אָן אין די דריי לאָזונגען פון דער פייערונג „צו אייער 70־יאָריקן געבורטסטאָג און 55 יאָר אַקטיוויטעט:

1. „לאָמיר חבר זינגער'ן באַגריסן (און פיל נחת פון אים געניסן)
2. לאָמיר אונדזער וואָרט פאַרשפּרייטן,
   אויפן אידיש־פעלד דעם ברייטן!
3. לאָמיר קיינמאָל מיד נישט ווערן,
   אויפן באַרג אַרויף דעם שווערן!"

האַרציק חבריש, אייער, קלמן מרמר.

מערץ, 1947.

טייערער חבר חיים זינגער! מיך פרייט זייער וואָס איר האָט דער־לעבט אייער 70־יאָריקן יובילײ מיט אזא פיינעם כבוד, וואָס איר קריגט פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און דערצו נאָך פון אַזוי פיל גוטע פריינט און חברים, וועלכע ווינטשן אייך נאָך לאַנגע פרוכטבאַרע יאָרן צו לעבן און צו טאָן די אַרבעט וואָס איר טוט שוין מער ווי פופציק יאָר. איך און מיין פרוי קענען מער ניט ווינטשן אייך ווי אַלע חברים ווינטשן. נעמט מיך אַריין אין דעם זעלבן כלל מיט אַלע אייערע גוטע פריינט און חברים וועל־כע ווינטשן אייך לאַנגע יאָרן פאַר אייער גוטער אַרבעט, וואָס איר טוט פאַרן פאָלק און פאַר אַ בעסערער וועלט.

איך און מיין פרוי גריסן אייערע קינדער און אייערע אייניקלעך.

פון מיר אייער געטרייען חבר, הערי פאָדאָלקי.

שיקאַגע.

באַגריסונג-טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען פון:

זון סעם און טאָכטער קלאַראַ.
קינדער:
דזשאָרדזש און סיידי זינגער,
אַרטור און פלאָרענס סאַס,
סעם און ען ליווי,
ארלין לאַנגער,
מר. און מרס. קאופמאַן,
סעם ליווי,
אלשאנסקי און אראנאָוו,
ענע מעלצער,
י. לייזעראָוויטש און פאַמיליע,
יוסף פאָזניאַק און פאַמיליע,
סעם פאָטאַשין און פאַמיליע,
מר. און מרס. מ. ל. אַלקען,
מר. און מרס. נייבערג,
שלום לעווין,
ל. זינגער און פאַמיליע,
מר. און מרס. מעקס סענטער.

ביי די אַלע אונטערנעמונגען האָבן פאַרטרעטער פון דער פראָגרע־סיווער באַוועגונג געהאַלטן רעדעס וועגן דער טעטיקייט פון חיים זינגער.

טעלעגראַפישע באַגריסונגען

חיים זינגער, 615 7טע גאַס, דולוט, מינ.
דאָס בעסטע פון אַלץ צו דיר היינט און שטענדיק.
מאַ, ענא, מומע עטי לעווין פאַמיליע.
פיל גליק און דערפאָלג אין לעבן.
דיינע קינדער סעם, קלאַראַ, פלאָרענס און בעטי.

טעלעגראַפישע באַגריסונגען צום 60סטן יובילײ פון חיים זינגער

מר. און מרס. דזשעק און שאַרלאָט לאַקעטס פון סענט־פאָל.

פון סעם מייערס, פון שול 114, גאָרדאָן, זארין, פיין, דאַרין, יאָנג, שאָץ.

מר. און מרס. אַרטור סעס, ל. זינגער און מעקס. מר. און מרס. דזשאָרדזש סינגער, ג. האָכבערג.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

באַגריסונג פון די קינדער און אייניקלעך

מיר, די קינדער און אייניקלעך פון אונדזער טייערן פאָטער חיים זינגער באַגריסן אונדזער פאָטער צו זיין 70סטן יובילייִ און אַזוי ווי ביי אונדזער פאָטער איז ליב און טייער די „מאָרגן-פרייהייט“, באַגריסן מיר די „מאָרגן-פרייהייט“ צו איר 25טן יובילייִ און ווינטשן זיי ביידן לאַנגע גליקלעכע יאָרן. זאָל אונדזער פאָטער שטיין מיט דער „מאָרגן-פרייהייט“, וועלכע, ווי ער דריקט זיך אויס, איז דער ליכטיקער שטראַל אויף דער אידישער גאַס!

ענאַ, מאָו און עדי ליפמאַן, סעם, אסתר און קינדער, אַרלען צווילינג, שוועסטער גלאָריא און וויוויען זינגער, קלאַראַ און זון פרעד, מאַרטין, בעסי, האַי און קינדער, גלענדאַ און פרעד האַינס און פלאָרענס און דזשעק שוואַרץ.

(געדרוקט אין 25-יאָריקן יובילייִ-נומער „מאָרגן-פרייהייט“).



ביי אַ יום-טוב לכבוד חיים זינגער'ס זון סעם זינגער און שנור אסתר. ברודער גרשון זינגער און פרוי און קינדער.

570.75 דאָל. געשאָפֿן לכבוד דעם 70טן געבורטס-טאָג פֿון וועטעראַן פֿון „מאָרגן-פֿרייהייט", חיים זינגער

אַ ריי אָרגאַניזאַציעס וואו חבר חיים זינגער איז אַקטיוו, האָבן דורכ־געפֿירט פֿייערונגען לכבוד זיין 70טן געבורטסטאָג און געשאָפֿן באַדייטנ־דיקע סומען געלט פֿאַר דער „מאָרגן-פֿרייהייט" וואו חבר זינגער איז אַק־טיוו אַלע זיינע יאָרן סיי אין שאַפֿן לייענער און סיי אין שאַפֿן געלט.

דעם 19טן מערץ האָט דער אָרדן־ברענטש 121 דורכגעפֿירט אַ פֿייע־רונג און געשאָפֿן 253 דאָלער. דעם 30־טן מערץ האָט דער בראָנזווילער אַמבידזשאַן דורכגעפֿירט אַ פֿייערונג און געשאַפֿן 163 דאָלער.

בר. 115 פֿון איסט ניו־יאָרק האָט דעם 6־טן אַפּריל געשאַפֿן 101.75 דאָל., און די קינדער־שול 27 האָט דעם 19טן אַפּריל געשאַפֿן 50 דאָלער. אין אַט־דער סומע פֿון 570.75 גייט ניט אַריין דאָס געלט וואָס חבר זינגער האָט אַליין געשאַפֿן און צוגעטראָגן פֿאַר זיין באַליבטער צייטונג.

איז ביי דער געלעגנהייט ווינטשן מיר חבר זינגער נאָך לאַנגע געזונ־טע יאָרן און זאָל ער מוטיק אָנגיין מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט לטובת די ברייטע אידישע מאַסן און זאָל ער דערלעבן זען אַ פֿרייע, שיינע וועלט.

מיט בעסטע וואונטשן,

נאַציאָנאַלע „מאָרגן־פֿרייהייט"־פֿאַרוואַלטונג.

נאָטיצן וועגן חיים זינגער׳ס אויפֿטריטן

פֿאָרט־עמבאָי — חיים זינגער טרעט אויף צום 75־יאָריקן יובילײ פֿון ר. ברייגין.

קעמפּ ניטגעדייגעט — די חברים חיים זינגער און ק. קראָס האָבן אויף זייער וואַקאַציע פֿאַרווײלט די געסט מיט פֿאַרלעזונגען און דעקלאַ־מאַציעס און געשאַפֿן 5 לייענער פֿאַר דער „מאָרגן־פֿרייהייט".

ברענטש 71, א.א.א. — חיים זינגער קומט אַזש פֿון בראָנזוויל צו ווייזן די באָראָ־פּאַרקער, אַז מע וויל קען מען זינגען (יובילײ־באַנקעט־קאָנצערט).

פּרויען קאָנסול 50 — אונדזער האַרציקן דאַנק צו חבר חיים זינ־גער פֿאַר זיין באַשיינען אונדזער פּאַרטי מיט זיין אויפֿטריט. מיר האָבן געשאַפֿן 50 דאָלער פֿאַרן שפּאַנישן פֿאָלקס־פֿראָנט.

דאַנקבאַר פאַר קולטורעלער פאַרווײַלונג

(פון דער „מאָרגן-פרײַהײַט")

רעדאַקציע „מאָרגן-פרײַהײַט": —

מיר ווילן דאָ אויסדריקן אַ דאַנק צו חבר חיים זינגער, פאַר דעם גרויסן פאַרגעניגן, וואָס ער האָט אונדז פאַרשאַפט מיט זײַנע שיינע לידער און דעקלאַמאַציעס. מיר פלעגן זיך צוזאַמענקלײַבן אין קעמפּ „ניט-געדײַגעט" אין שאָטן פון די ביימער לעבן דעם „יוט פאונטען", און חבר חיים זינגער פלעגט פאַר אונדז זינגען און דעקלאַמירן. דערמיט האָט ער אונדז פאַרשאַפט פאַרגעניגן.

חבר זינגער האָט אויך ניט פאַרגעסן אין דער „מאָרגן-פרײַהײַט". ער האָט געשאַפן 5 נײַע צוויי-וואָכעדיקע סובסקריפּשאַנס פאַר אונדזער צײַטונג.

מיט חבר'שן גרוס,

אַ גרופּע חברים קעמפּער אין קעמפּ „ניטגעדײַגעט".

סאול סעלניק, 346 א. 17טע גאַס, סילווער, ליפּראַק, הערי סמיט, פעניע גאַבעיל, פאַלין גאָלדין, גאָסיע זוסמאַן, קלאַראַ דווינעוווסקי, דאָרע גאָווערשטיין, ישׂראל לעסין, דזשין באָרדין.

א. ל. ד. — חבר חיים זינגער טרעט אויף בײַ אַ פּאַרטי פאַר דער איי. על. די, 287 סטאַון עוו. (גירונס הויז).

ניטגעדײַגעט-קעמפּערס זינגען און העלפן שפּאַנישע אַרבעטער

— — דער עיקר חבר חיים זינגער, וועלכער איז טאַקע אַ זינגער, ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ באַנק, געזונגען די סאָלאָס און דיריגירט מיטן עולם. אָבער אין מיטן זינגען די רעוואָלוציאָנערע און אידישע פאָלקס-לידער, האָט חיים זינגער זיך דערמאָנט: „סטייטש, יושר? מיר דאָ לאָזן זיך וואוילגיין, און די שפּאַנישע אַרבעטער פאַרגיסן זייער בלוט אין קאַמף מיט די פאַשיסטישע מערדער . . ."

און די חברים זינגער און סטאָפּאַק האָבן מיט געזאַנג און דעקלאַמאַציעס געשאַפן 15 דאָלער מיט 70 סענט פאַר די שפּאַנישע פאָלקס-מאַסן.

אַ גרופּע פון קעמפּ דריקט אויס זייער דאַנק:

אהרן לעפּלער, לינא סטאָפּאַק, עלאַ היימאָוויץ, אסתר ראָזנטאַל, חנה דזשאָזעף, שׂרה ראָטמאַן, רייזל הוירש, דאָרע היימאָוויץ, סאָפּע רוינק.



דער „איקאָר" מאַרשירט. זינגער זינגט מיט די מאַרשירער.

פייערונג פון צוועלף יאָר בירא-בידזשאַן

זונטיק, דעם 12טן מאַי, 8 אָוונט

אין סענטער פון וויליאַמסבורגער אַרבעטער קלוב, 344 ראָבלינג סט.

ג. אָלמאַן, סעק. פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון „איקאָר" וועט ריידן איבער 12 יאָר בירא־בידזשאַן און איבער דער לאַגע פון די אידן איבער דער גאַנצער וועלט. פראַגן וועלן פאַרענטפערט ווערן פון רעדנער.

ח. זינגער, הומאָריסטישער פאָרלייענער און רעציטאַטאָר וועט אויפ־טרעטן אין אַ פראָגראם פון רעציטאַציעס און פאָרלעזונגען.

אַראַנזשירט פון ברענטש 259 פון אָרדן, צוזאַמען מיט דעם פרויען קלוב פון ברענטש 259 און וויליאַמסבורגער אַרבעטער־קלוב.

איסט-סאיד אַמבידזשאַן פריידין-איקאָר קאָמיטעט

חיים זינגער טרעט אַרויס ביי דעם חנוכה־קאָנצערט און פּאַרטי, דעם 19טן דעצעמבער, אין 88 קלינטאָן סטריט.

חיים זינגער און יעקב אַלמאַן שאַפן 155ד. אין פּאַרקס

די חברים חיים זינגער פון בר. 121 און יעקב אַלמאַן פון בר. 2, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ זינגענדיקער און דעקלאַמירנדיקער פּלי־בריגאַדע און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זינגען און דעקלאַמירן אין צוויי ברוקלינער פּאַרקס — אין דעם לינקאָלן טערעס פּאַרק און מילער עוועניו פּאַרק — פאַר דער מיליאָן דאָלער רעהאַביליטאַציע־קאַמפּאַניע פון דעם אָרדן.

אַלס רעזולטאַט האָבן זיי אין דעם ערשטן טאָג געשאַפן 45 דאָלער,



חיים זינגער דעקלאַמירט אין פּאַרק

אין דעם צווייטן — 50 דאָלער און פריער 60 דאָלער — צוזאַמען 155ד.

דערביי דאַרפן דערמאָנט ווערן איייניקע אָרדן־טוער, וועלכע האָבן ביייגעטראָגן מיט זייערע בייישטייערונגען צו סטימולירן די זאַמלונגען: לו־

איס זינגער פון בר. 272 — 15 דאָלער און דעיוו שוואַרץ פון בר. 9 — 10 דאָלער אין מילער עוועניו פאַרק, אַלס אַ „טשאַלענדזש", אַז זיי וועלן געבן אַזאַ סומע, וויפיל די אַנדערע מענטשן אין פאַרק וועלן ביי־שטייערן.

אין דער סומע פון 155 דאָלער איז איינגעשלאָסן 10 דאָלער פון בערטא פיינסטיין, אין אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער מאיר חייקין.

באַזונדערע אָנערקענונג צו די זינגער — שרה לעווין און שוואַרץ, יצחק גאָלדמאַן און אסטראוו, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן און אַלע, וואָס האָבן בייגעשטייערט אין דעם לעבנס־וויכטיקן פאָנד.

איצט, אַז דער סעזאָן אין די פאַרקס האָט זיך געענדיקט, זיינען חיים זינגער און יעקב אלמאן גרייט אויפצוטרעטן אויך אויף „פאַרטיס" אין פריוואַטע היימען און אַנדערע אונטערנעמונגען פאַר דעם פאָנד.

חנוכת הבית פון מאיר לעווין קולטור-קלוב

שבת, פעברואַר דעם 16טן, 1946, 8:30

אין אונדזער קלוב־צימער, 161 הערצל סט. קאָרנער סאטער עוו. געדעקטע טישן, מיטן באַוואוסטן שוישפילער און רעציטאַטאָר בן־אבי טאָמקין און דעם באַוואוסטן פריילעכן פאַרוויילער חיים זינגער און ראוז איינטריט 50 סענט.

נאָטיצן וועגן חיים זינגער

דזשוירזי סיטי — דער באַוואוסטער הומאָריסט חיים זינגער וועט מיט אונדז פאַרברענגען.

בראָנזוויל איקאָר — חיים זינגער אין מאַסן־געזאַנג.

קלעצקער־נעסוויזשער בר. 219, אָרדן — אַ באַזונדערן דאַנק דעם ח' חיים זינגער פאַר זיין אמוזירן דעם עולם מיט געזאַנג, דעקלאַמאַציעס אין וועלכע אַלע זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן.

שול 114 — חיים זינגער וועט דורכפירן אַ פּראָגראַם פון פאַרלעזונ־גען און מאָנאָלאָגן.

אַ צעטל פֿון אָרגאַניזאַציעס וואו חיים זינגער איז אויפֿ-געטראָטן מיט פֿאָרלעזונגען, פֿאַרווײַלונגען און מאַסן-געזאַנג

דער צעטל איז זיכער ניט קיין פֿולער. אַלע זומער פֿלעגט ער אויפֿטרעטן אין די פּאַרקן, אין די קעמפּס. ביי די מערסטע אונטערנעמונגען האָט ער געזאַמלט, אָדער געהאָלפֿן זאַמלען פֿאָנדן פֿאַר דער פּרעסע און אַלע טיילן און צווייגן פֿון דער פּראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג און אַלגעמיינער אַרבעטער-באַוועגונג. פֿאַראַן צווישן די אָרגאַניזאַציעס, וואו ער איז אויפֿגעטראָטן פֿיל מאָל.

1. איקאָר, פּיל איקאָר קלובן.
2. ברענטש 121 א.פ.פ.אָ.
3. אָלגין קלוב.
4. ברענטש 102 א.פ.פ.אָ.
5. סאָוטערן בולוואַרד קאָמיטע „ראָשיען וואָר רעליף".
6. ברענטש 11.
7. וויליאַמסבורגער פּראָגרעסיווער קלוב.
8. אָרדן-ברענטש 279.
9. קינדער-שול 5.
10. אָרדן-ברענטש 6.
11. קינדער-שול 20 (שיקאַגע).
12. קעמפּ „ניטגעדייגעט" (איצט „ביקאָן").
13. ראָטשטיין פּאַרטי פֿאַר „מאָרגן-פֿרייהייט".
14. אָרדן-ברענטש 82.
15. וואָרקערס אַלאיענס.
16. אָרדן-ברענטש 115.
17. קינדער-שול 27.
18. פֿרויען-קלוב פֿון אָרדן-ברענטש 11.
19. קינדער-שול 130.
20. מיטלשול (בראָנזוויל).
21. פּאַרטי ביי חבר'טע טערעס פֿאַר „מאָרגן-פֿרייהייט".
22. ראקאַוועי צענטער.
23. דולוט, מינעסאָטא.
24. אָרדן-ברענטש 71.
25. בראָנזווילער אַרבעטער-קלוב.

26. אָרדן־ברענטש 46.
27. אָרדן־ברענטש 7.
28. אויף אַן עקסקורסיע־שיף פון דער „מאָרגן־פרייהייט“.
29. אָרדן־ברענטש 140.
30. קינדער־שול 15.
31. אָרדן־ברענטש 52.
32. קוני־איילענדער אַרבעטער־קלוב.
33. אָרדן־ברענטש 27.
34. אָרדן־ברענטש 56.
35־36. קאָנסול 49.
37. פּאָרט עמבאָי.
38. פּרויען קאָנסיל 50.
39. א. ל. ד.
40. דזשוירזי סיטי.
41. אָרדן־ברענטש 219.
42. קינדער־שול 114.
43. שיקאַגע.
44. דולוט.
45. האַרלי.
46. אייראָפּייאישע שטעט.
47. דיילי וואָרקער.

די אוצרות פון חיים זינגער

ביים צונויפשטעלן דאָס ביכל האָט מיר חיים זינגער איבערגעגעבן אַ גאַנצן אוצר פון פאַמיליען־בילדער, פאָטאָגראַפיעס פון פּאַרק, קעמפּ, מיט אָרגאַניזאַציעס — אומעטום וואו ער האָט געערדט, געזונגען.

1941 — דעלעגאַט מ.פ. קאָנווענשאָן.

1937 — אידישער פאָלקס־קאָמיטעט.

אַ לענטע אַלס מאַרשאַל פון אַ מאַרש.

נעמט אָנטייל אין אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון מענדל אַקער־מאַנ׳ס בוך „נאָענטע און ווייטע“ — בר. 61, א.א.א.

1940 — 13טער דעצ.

קולטור־דירעקטאָר — 121 ב.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

ראָשיען וואָר רעליף רעסיטס.
בראָנזווילער איקאָר — 22 דאָלער.
שוועסטער מאַשע קאַרפ — געשטאָרבן — נאָטיץ.
מאיר לעווין קולטור־קלוב — מעמאָריאַל אָוונט — קלאַסן — אויפ־
טריטן — סעם גולד — לעקציעס.
פעלהעם בעי פאַרק
אַ בילד, אברהם רייזען, חיים זינגער און אַנדערע.
אַ בילד אין פראָספעקט פאַרק.
בילדער מיט קראַסלאָווסקי — אויפטריטן.
1939 — בילד מיט עקז. פון בר. 121.
בילדער מיט זיינע ברידער.
1938 — דעלעגאַט אין קינדערלאַנד שול־קאָנפערענץ.
1934 — דעלעגאַט צו 1טער קאָנווענשאָן פון פריינט פון ס. פ.

צום זיבעציק יאָריקן יובילײ פון אַ פאָלקס-מענטש און גרויסן איד, חיים זינגער

איך און מיין משפחה באַגריסן אייך, טייערער פריינט און חשוב'ער חבר, חיים, צו אייער זיבעציק יאָריקן יום־טוב פון אייער געבורטסטאָג. ווי גוט עס איז צו טראַכטן וועגן אייך. אייער בליק אויף דעם לעבן און אויף דער וועלט בכלל איז פון אַ מענטש פול מיט התלהבות (איסלאַאָוועס) פון אַ היינט־וועלטיקן, פראָגרעסיוון יונגן מענטשן, און הלוואי וואָלטן גע־ וועזן אַ סך אַזעלכע חיים'ס, וואָס זאָלן פאַרנעמען אַ בכבוד'יקן אָרט אין די פאַרשיידענע פראָגרעסיווע קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס און העלפן בויען דעם שענערן, בעסערן מאָרגן פאַר דעם יחיד און פאַר דעם כלל, ווי איר, טייערער חבר חיים, טוט אָט־די גרויסע הייליקע אַרבעט מיט פיל איבער־ געגעבנקייט און נשמה, און מיט אמת'ער געטריישאַפט פאַר דער אַרבעטנ־ דיקער וועלט און פאַרן פשוט'ן פאָלקס־מענטש.

מיט ליבשאַפט שאַצן די אידישע פאָלקס־מאַסן אָפּ אייער גוטע און געטרייע אַרבעט, וואָס טראָגט דעם אידישן פּראָגרעסיוון כאַראַקטער אויף אַלע געביטן בכלל, און אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פראָגרעסיוון כאַראַק־ טער בפרט.

איך און מיין משפחה ווינטשן אייך, טייערער פריינט חיים, אַריכת־ ימים מיט פיל געזונטע לאַנגע יאָרן פון יונגער פרוכטבאַרער ארבעט אויפן געביט פון קולטור, געזאַנג און ריינעם לויטערן אידישן וואָרט, און

צוזאַמען מיט אייך, און צוזאַמען מיט די אידישע פאָלקס־מאַסן, וועלן מיר פייערן אייער פינף און זיבעציק יאָריקן יובילײ יום־טוב אויף גאָר אַ גרויסן פאַרנעם.

מיט גוטע וואונטשן און דרך־ארץ צו אייך, אייער פריינט און חבר,

וואָלף ווייס און משפּחה.

אין פּראָספּעקט פּאַרק — צו אַ פּיקניק פון די אָרדן קינדער־שולן

די באַרימטע שלאָגלער אין אַלע קאַמפּאַניעס פון דער פּראָגרעסיווער אידישער באַוועגונג, **מאיר** און **סערע פּערלין** פון ברענטש 122, א.פּ.פּ.אָ., קוני־איילאַנד, באַגריסן חיים זינגער'ן אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן:

חבר חיים זינגער אויפן באָרדוואָק אין ברייטן-ביטש

עס איז געווען אין יוני, דעם 1־טן טאָג פון זומער.
שפּעט אין אָוונט. חבר חיים זינגער שטייט אין אַ פּאָזע אַ פרומער.
מיט אַ פּאָר מאָנאַט צוריק האָט מען אים אַ באַנקעט געמאַכט,
ער איז איבער זיבעציק יאָר אַלט:
זיין חכמה, זיין שאַרפזין, איז פשוט אַ געוואַלד.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

אין ברייטן־ביטש, אויף דעם פאַנטאַסטישן הילצערנעם בריק,
חבר זינגער האָט דערציילט שאַרפזיניקע וויצן,
און יעדער פון די פאַרזאַמלטע האָט געוואָרפן אויף אים אַ בליק.

ער האָט גערעדט און געזונגען האַרציק, וואונדערלעך שיין,
פּאַטריאַרכאַליש, פול מיט געטלעכן חן.

ער האָט באַזונגען די קעמפער קעגן היטלער טיראַן,
אין אַלערליי שיינקייטן, וואָס זיינען נאָר פאַראַן.

ער האָט אַמוזירט די פאַרזאַמלטע און ניט פאַרלאַנגט קיין געלט,
„מיין פאַרגעניגן", האָט ער ליבלעך געזאָגט, „איז צו בויען
אַ שענערע וועלט".

ער זאַמלט געלט פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט"
און פאַר די באַרויבטע אידן און ער פאַרשפּרייט גוטע ליטעראַטור.
ווען מען קוקט אויף אים, זעט מען, אַז ער איז אַליין אַ שיין שטיק
קולטור.
איך האָב אים באַטראַכט: זיינע זילבערנע האָר, זיין ליכטיק פּנים,
זיינע שיינע קלוגע אויגן.
יע, ער איז געווען אַזוי אנגענעם ווי די לבנה
און די שטערן פון אויבן.

אַ איד האָט געבראַכט אַ פּאָליסמאַן,
מ'זאָל דעם טייערן ליבן חבר זינגער'ן אַרעסטירן:
„אַט־דער־אַ — ווייזט ער דעם פּאָליציימאַן — איז אַ קאָמוניסט,
ער וויל אונדז פאַרפירן!"

אַ יונגער שיינער פּאָליסמאַן באַטראַכט דעם טייערן אַלטן
חיים זינגער,
און גייט אַוועק אַ שמייכלענדער, ער זעט, אַז דער מסור איז אַ
ליגנער.
דער איד איז ניט שולדיק, ער הערט די „רעד־בעיטער",
און ער איז פאַרפירט, אַזוי נאַריש פאַרשטייט ער.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

חבר זינגער האָט געזונגען, הומאָריסטיש גערעדט,
די לבנה און די שטערן האָבן איבער אים געשייגט.
די פאַרזאַמלטע האָבן מיט ליבע זיך צוגעהערט,
צו אָט דעם טייערן ליבן מענטשן־פריינט.
דער אידישער קצב־אַרבעטער, וואָס איז חיים זינגער'ן באַפאַלן,
איז געבליבן פאַרשעמט, ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן.

לאַנג לעבן זאָל אָט־דער שיינער, קלוגער אַלטערמאַן,
אַזוינע ליבגדע מענטשן ווי חבר חיים זינגער זייגען
נאָר ביי די קאָמוניסטן פאַראַן.

דאָס איז געווען יוני דעם 23־טן, 1947,
אַ פאַרזאַמלטער עולם און חיים זינגער אינמיטן.
מיט פאַרגעניגן מעג מען זיך צוהערן צו אַזאַ מענטשן,
מען דאַרף זיך ניט היטן.

דאָס איז געווען אַרום צען ביינאַכט,
דער ים האָט גערוישט, זינגער האָט געזונגען
און דערציילט שיינע קלוגע זאַכן.
די מענטשן הערן זיך צו און מיט דער גרעסטער פרייד
האַלטן זיי אין איין לאַכן.

איך בין געשטאַנען לעבן אים,
צוגעהאַלטן זיין פעקל ליטעראַטור און זיין שטעקן.
עס איז געווען אַ וואונדער־שיין בילד ניט אָפּצומעקן.

פון ליבשאַפט האָב איך חבר חיים זינגער'ן געגעבן
אַ קוש אין קאָפּ.
אך, האָב איך זיך געטראַכט,
די „רעד־בעיטערס" זיינען פון זינען אַראָפּ.

אַזאַ מענטש, ווי אָט דער אַלטער חבר חיים זינגער,
איז אַ הייליקער פערזאָן ;
ער איז אַ געטלעכער וואונדער.
מ'דאַרף זיך צוהערן צו יעדער זאַך וואָס ער קאָן.

דער פֿאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

עס איז אַ שטאָלץ צו האָבן אַזאַ טאַטן, אַזאַ שווער, אַזאַ זיידן,
ער ברענגט מענטשן ליבע און פריידן.
אָט דאָס איז דער ריכטיקער פּאָרטרעט פון חבר חיים זינגער,
קיין קאָפּ ניט איבערטריבן,
עס איז הונדערט פּראָצענט אמת, קיין האָר ניט קיין ליגן.

(געשריבן יוני דעם 24טן, 1947, פון **מאיר פּערלין**).

לכבוד קיידאַנאָווער באַפרייאונג

לחיים קוידענאָווער לחיים !
לחיים קוידענאָווער לאַנדסלייט.
פֿאַר אונדזער שטעטעלע דאָס שיינע
און פון נאַצי־יאָך באַפרייטע.

לחיים רויטע אַרמייער !
און מאַרשאַל סטאַלין !
איר וואָס האָט דערמעגלעכט,
אַז היטלער׳ס מאַכט זאָל פאַלן !

וואו היטלער האָט געפּלינדערט,
וואו היטלער האָט געשונדן,
דאָרט וועלן מיר איצט קומען
און פאַרהיילן אַלע וואונדן.

קוידענאָוו און אירע גאַסן,
פאַרוויסט אין אַש אין גרויען ;
די הייזער און די שולן, —
אַלץ וועלן מיר אויפבויען.

צוריק וועלן אויפן מאַרק
קומען פּויערים מיט פורן,
קוידענאָווער בירגער
וועלן אַרום שווינטאַר שפּאַצירן.

דער פאָלקס-זינגער פון בראַנזוויל

די גאַסן וועלן ווידער
באַלייכטן די פאַנאַרן;
די פּריסאַדעס וועלן ווידער
אונדז דינען ווי בולוואַרן.

דער איד וועט זיין געזיכערט,
עס וועט קיינער אים ניט טרעטן;
דעם אידן וועט באַשיצן
די פאָן פון די סאָוועטן.

איז נאָך אַמאָל לחיים!!
פאַר ווייטערדיקע זיגן,
ביז עס וועלן היטלער׳ס באַנדעס
אין דער ערד טיף אַלע ליגן.

צו אייך, שוועסטער און ברידער, קוידענאָווער לאַנדסלייט:
לאָמיר זיך פאַראייניקן פאַר איין געדאַנק!
איצט איז ניט די צייט צו זיין צעזייט און צעשפּרייט
און פּאָליטיש צעריסן,
ווייל באַזונדער צעפאַלן די בלעטער, פון ווינט צעשמיסן,
צעטראָטן ווי שטויב לעבן ים.
צוזאַמען מיר קעמפן פאַר לעבן,
פאַר קיום צו לעבן אָן פּיין.
עס רופן צו אונדז די קדושים,
וואָס זיינען געפאַלן אין קריג;
צו לעבן און קעמפן און היטן דעם קיום,
דער קיום, דער קיום — דאָס איז אידישער זיג!

(פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט-זשורנאַל).

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

צוויי אַקטיאָרן ווילן מיך אָפּ׳שמד׳ן

עס איז געווען אַרום 1897־1998. איך זיץ מיר ביי דער מאַשין אַ פּרייטיק פאַרנאַכט. קומט צו צו מיר אַ מיידעלע פון מענדל דעם שניידער און זאָגט צו מיר אין רוסיש, אַז איר פאָטער לאַדט מיך איין צו קומען צו זיי גלייך נאָך וועטשערע. אויף דער באַזאַרנע גאַס, סימפעראָפּאָל, האָבן זיי געוואוינט. איך האָב געענטפערט מיט צופרידנקייט, אַז איך וועל קו־מען.

נאָך וועטשערע בין איך גלייך אַוועק אַהין. איך קום אַריין צופרידן. מיר באַגריסן זיך. און גלייך שטעלט ער מיך פאָר פאַר צוויי מענער: יעפּים זינגער, באַקענט זיך מיט קראָן און פיינגאָלד.

קראָן רופט זיך גלייך אָן צו מיר: „איך דערקען אין אייך אַ טיפּ פון אַן אַקטיאָר".

ענטפער איך: „איך האָב גלייך דערקענט אין אייך, אַז איר זענט אַקטיאָרן, נאָך איידער שיך . . .".

איז געוואָרן אַ געלעכטער, ווייל ביידע האָבן געטראָגן צעריסענע שיך און צע׳הרג׳עטע קליידער.

דערנאָך זיינען מיר אַריין אין אַ באַזונדער צימער און זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי זיינען אַקטיאָרן. זיי פאָרן קיין פּעטערבורג. אָבער זיי זיינען ביידע געבראָכן. זיי ווילן דאָ אויפשפּילן אַ פּאָר איינאַקטערס: „דער אַלטער טאַטע" אין אידיש און „דו ווילסט ווערן אַן אַקטיאָר" אין רוסיש. און אַזוי ווי עס דאַרף אָנטייל נעמען 3 פּערזאָן, זאָל איך זיין דער דריטער.

און זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן מיט דער רעפּעטיציע. קראָן האָט גענומען די ראָל פון אַלטן טאַטן. פיינגאָלד האָט געשפּילט דעם זון, חנניה, אַן אידיאָט. און מיר האָבן זיי געגעבן אַ קלענערע ראָל, דעם דאָקטאָר. די שפּיל איז מיר גלייך געפעלן געוואָרן. איך האָב אַרויסגע־זאָגט אַ פאַרלאַנג, אַז איך וואָלט וועלן שפּילן די ראָל פון חנניה דעם אי־דיאָט. זיי האָבן זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז סאַ סימן, אַז איך בין אַן אַקטיאָר.

אין קורצן, מיר האָבן געשפּילט און געמאַכט דערפאָלג. מיר האָבן דורכגעפירט די טעאַטער־אָוונטן אין אַ שיינעם צימער ביי אַ רייכן אידן מיטן נאָמען ב ו כ ש ט אַ ב. קיין בילעטן האָט מען ניט פאַרקויפט, נאָר נאָכן שפּילן האָט מען געמאַכט אַ זאַמלונג צווישן עולם. און ווען מ׳איז צוריקגעקומען אין דער הויז פון מענדל שניידער איז געוואָרן פריילעך.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

דאַן רופט זיך אָן צו מיר דער עלטערער קראָן, אַז איך זאָל מיט־פאָרן מיט זיי קיין פעטערבורג. ענטפער איך, אַז ס'איז ניט מעגלעך, ווייל קיין אידן לאָזט מען דאָך ניט אַריין קיין פעטערבורג. שפּיליעט ער אויף זיין העמד און ווייזט מיר אַ צלם. עס איז מיר אַזש געוואָרן קאַלט, אַז כ'האָב דאָס דערזען. מאַכט ער צו מיר: „ציטער ניט, נאַר איינער, איך בין טיף אין האַרצן אַ איד. און דאָס זעלבע איז פיינגאָלד. מיר האָבן זיך טאַקע געמוזט שמד'ן אָבער מיר ביידע זיינען ערלעכע גוטע אידן".

ענטפער איך: „כאָטש איך בין ניט רעליגיעז, אָבער שמד'ן זיך וועל איך ניט, איך קום פון אַ רעליגיעזער פאַמיליע. איך רעספּעקטיר מיינע עלטערן און מיין אידיש פאָלק".

זיי האָבן זיך ווידער צעלאַכט און מיר געזאָגט, אַז אַזוי גיך ווי זיי וועלן זיך אַרויפאַרבעטן פאָרן זיי אוועק קיין לאָנדאָן אָדער קיין אַמעריקע. און דאָרטן וועלן זיי אַראָפּוואַרפן דעם צלם און בלייבן צוריק אידן ווי זיי זיינען געוועזן . . .

האָב איך זיי געענטפערט, אַז כאָטש איך בין פאַרליבט אין טעאַטער־שפּילן, דאָס איז שטענדיק געווען מיין גרעסטער וואונטש, אָבער מיין אי־דישן גלויבן וועל איך ניט בייטן, כאָטש איך בין ניט קיין גלוביקער.

דאַן האָבן זיי זיך אויף מיר גוט צעשריען און געבייזערט: „עך טי דוראַק, נאַר איינער, דו וועסט ביי דער מאַשינקע, וואו דו אַרבעטסט, אונ־טערגיין און בלייבן אַן אייביקער קבצן. דו האָסט אַזאַ שיינע שטימע, אַ טאַלאַנט, מאַכסט שיינע מימיקע, דו פאַרמאָגסט אַלץ, וואָס אַ גוטער אַק־טיאָר דאַרף, און דו ווילסט זיך גאָר האַלטן ביי דיין שקלאַפעריי. קום מיט אונדז און דו וועסט ווערן אַ באַרימטער אַקטיאָר!" . . .

און אָט דאָ האָב איך זיך שיר ניט צעוויינט. מיינע עלטערן וועלן נאָך פון צרות קראַנק ווערן און שטאַרבן. ניין, ניין, איך טאָר אַזאַ זאַך ניט טאָן — — — איך בין אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב. איינער איז נאָך מיר נאָכגעלאָפן און מיר אַריינגעשטופּט 3 רובל און זיך פאַר מיר אַנטשולדיקט — — —

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז אָנגעקומען אַ רוסישע טרופּע קיין סימ־פעראָפּאָל און געשפּילט „סודיעבנאַיאַ אָשיבקאַ" (דער טעות אין געריכט). קראָן און פיינגאָלד זיינען געווען צווישן די אַקטיאָרן. — — —

אָבער ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען געווען אין דער טרופּע, ווען זיי זיינען אַוועקגעפאָרן. דער שניידער מענדל האָט מיר דער־ציילט, אַז ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי ביידן אַן אָוונט. זיי האָבן באַדויערט וואָס איך בין מיט זיי ניט געפאָרן קיין פעטערבורג.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

זכרונות וועגן מיין יוגנט-פריינט חיים זינגער

לכבוד זיין 70־יאָריקן יובילײ פון **אבא הורעוויטש**

איך וועל זיך דאָ באַמיען אין קורצן איבערגעבן נאָך אַ קליין קאַ־פיטל פון חיימ׳קען, אַזוי האָט מען אים גערופן ביי אונדז אין הויז און אין שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן.

חיימ׳קע איז געקומען צו אונדז אין הויז אַ אינגל פון אַ יאָר 11 אָדער 12. זיין טאַטע האָט אים איבערגעגעבן צו מיין פאָטער אין די הענט, ער זאָל אים מאַכן פאַר אַ שטיקל מענטשן. זאָל ער זיך לערנען אַן איידעלע מלאכה. און וויסן דאַרפט איר, אַז עס איז נישט געווען אַזוי לייכט פאַר זיין טאַטע־מאַמען צו קומען צו אונדז מיט אַזאַ באַשלוס, אַז זייער זון זאָל ווערן אַן אַרבעטער, ווייל די זינגער־פאַמיליע זיינען באַלעבאַטים, לער־נער, האַלטן זיך פאַר מענטשן מיט אַ פאַרנעם. נישטאָ ביי זיי קיין באַל־מעלאָכעס. דער זיידע שמואל ליפּעס, אַ איד אַ למדן, דערצו טאַקע אַ מלמד. דער טאַטע אויך אויף אַ פיינער שטעלע אין סטאַנציע ניגאָרעלע, נישט ווייט פון שטאָט אין אַן אייגענער הויז אויך. אמת, נישט קיין פאַ־לאַץ, און עסן איז אויך נישט געווען צופיל, אָבער דאָך ביי זיך נישט אַרונטערגעפאַלן, געהאַלטן שטאַט, ווי עס פאַסט פאַר בכבוד׳יקע באַלע־באַטים. אין זייער פאַמיליע זיינען נישט געווען קיין פּראַסטאַקעס, קיין שניידער אָדער שוסטער, דער אויבערשטער זאָל שומר־ומציל זיין, אָרי־מע לייט אָבער בכבוד׳יקע.

אָבער מיט זייער חיימ׳קען איז געווען זייער שלעכט. אמת טאַקע אַ קעפּל האָט ער געהאַט זייער אַ גוטס, אָבער ער האָט נישט געוואָלט איינ־זיצן אין חדר, ער האָט פיינט געהאַט דעם פינצטערן, דעם פאַרשטיקטן חדר, האָט פיינט געהאַט דעם רבי׳ן מיט זיין קוויטש, מיט זיין מרה־שחורה׳דיקן אויסזען. ער האָט נישט געקענט פאַרנעמען די ענגשאַפט. עס האָט חיימ׳קען געפעלט לופט. עס האָט געשטיקט די דיקטאַטאָרישע אַטמאָספערע. עס האָט אים געצויגן צום דרויסן, אין דער גאַס, אין דער פריי, דאָרט וואו עס איז ליכטיק, דאָרט וואו די הימלען בלויען זיך, פריי־לעכע שפּילנדיקע שטראַלן פון דער זון ציען זיך פון הימל און וואַרעמען און גלעטן און ברענגען אַ ניי לעבן און פרייד.

עס האָט אין אים געברויזט אַן אינערלעכער פאַרלאַנג צו זיין פריי. זיך צו קענען שפּילן ווי אים געפעלט און נישט ווי זיין רבי וויל האָבן. האָבן טאַקע זיינע רביים געהאַט פון אים קאַלטס און וואַרעמס. ער פלעגט

מאַכן זייער לעבן אומדערטרעגלעך. אָפּטאָן זיי פאַרשיידענע שפּיצלעך. דערגיין זיי די יאָרן. איז טאַקע דערפאַר געבליבן, אַז עס איז אומזיסט, ער וועט שוין קיין רב נישט זיין, איז זאָל ער כאָטש זיין אַן אָנשטענדיקער מענטש. און מען האָט אים אָפּגעגעבן צו מיין פאָטער אין די הענט.

ערשטנס, דערפאַר, ווייל מיין פאָטער ע"ה איז געווען אויך אַ בעל־תורה, אַ שיינער באַלעבאָס, מיט זייער אַ שיינער אייגענער הויז אויפן מאַרק, גלייך טאַקע אַנטקעגן קלויסטער. דערצו איז אַ שטעפּער געווען פאַררעכנט נישט עפּעס אַבי גלאַט אַ מלאכה, נאָר עס האָט געהייסן מער געשעפט, איידער ארבעט, ווייל די שוסטער פלעגן קומען איינקויפן לע־דער, קאָמאַשן פאַרטיקע אָדער צו מאָס, און עס האָט זיך גערעכנט פאַר זייער אַ שיינעם געשעפט.

נו, איז דאָס טאַקע געווען די אורזאַך, וואָס מען האָט חיים'קען אַרויס־גענומען פון חדר. און אַז חיים'קע איז געקומען צו אונדז אין הויז, גע־דענק איך, אַזוי געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. אַלע אין שטוב האָבן אים זייער ליב געהאַט, איבערהויפּט איך. איך האָב אים ממש ניט אָפּגעלאָזן פון אויג, וואו חיים'קע איז געווען בין איך געווען. איך בין אים נאָכגע־גאַנגען. ער האָט אויף מיר געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. זיין שטימעלע, אַזאַ ווייכינקע. זיין קול'כעלע האָט צאַרט און פאַנטאַסטיש, ווי שיינע מו־זיק, אין מיר געערופן. זיין געלעכטער, אַ וואַרימער, טיף פון האַרצן. זיי־נע אויגן זיינען גרויסע, ריידנדיקע, ווייכע, בלויע לאַכנדיקע פלעגן זיי קוקן מיט צאַרטקייט. איך פלעג אין זיי זיך שפּיגלען, אָט ווי אין דער בלויקייט פון ים. היינט זיינע איינפאַלן, זיינע וויצעלעך. מע פלעגט ממש אויסגיין פון געלעכטער.

אָט שטייט ער לעבן אַ פויער. דער פויער איז פאַרטאָן אין קלייבן לעדער. חיים'קע גייט פון אים נישט אַוועק. נאָר ווען דער פויער איז שוין פאַרטיק, הענגט שוין ביי אים אויף דער פּלייצע אַ פּאָן פון פאַרשיי־דענע קאָלירן. און דער פויער גייט זיך אויפן מאַרק און נאָך אים לויפן נאָך אינגלעך, מע לאַכט, מע כאָכאָטשעט ,און דער פויער ווייסט נעבעך נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז.

אָדער אַז ער פלעגט זען, אַז מאָטיע בערל דער שמש גייט שוין מיט זיין הילצערנעם קעסטל צו קלייבן ליכט פאַר דער שול אָדער געלט. פלעגט מיר שוין חיים'קע צורופן און זאָגן צו מיר: „הער, אַבעלע, גיי צו פאַ־מעלעכקע צום קעסטל און נעם אַרויס איין קאָפּיקע און איך וועל דיר קוי־פען צוקערקעס". און ער פלעגט עס טאַקע טאָן. פאַר זיך גאָרנישט גע־

בומען, נאָר הנאה געהאַט ווען ער האָט יענעם געגעבן. אַפילו מיין טאַטע ע״ה, וואָס ער איז געווען אַ איד, וואָס האָט פיינט געהאַט לצנות, פלעג איך באַמערקן ווי מיין טאַטנס אויגן פלעגן אויך לאַכן און ער פלעגט פאַרבאַהאַלטן דעם געלעכטער טיף אין באָרד, אַזוי אז מע זאָל נישט באַמערקן אַז אויך ער האָט הנאה פון זיינע לצנות.

און ווען חיימ׳קע איז שוין עלטער געוואָרן, איז אים שוין אויך אונדזער הויז געוואָרן ענג, אויך דאָס גאַנצע שטעטל מיט אירע איינוואוינער האָבן אים שוין דערעסן. עס האָט אים געצויגן צו עטוואָס גרעסערס, שענערס. ער האָט זיך, קענטיק, אַליין נישט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג. עס האָט אים באַהערשט אַ געפיל איבערצולאָזן אונדזער הויז, וואו ער האָט זיינע אינגלשע יאָרן אויסגעלעבט, איבערלאָזן טאַטע-מאַמע, שוועסטער און ברידער און זיך לאָזן אין דער ווייטער ווייטקייט צו אַ נייעם לעבן, זאָל זיין אַנדערש ווי אין קוידאַנאָוו, זאָל זיין אַנדערש אַפילו ווי ביי טעוויע דעם שטעפּער.

אַז חיימ׳קע איז אַוועק איז מיר געוואָרן אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן, אָבער דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט האָט ער געקענט שווימען ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן ברען אין דער באַוועגונג. ער האָט געפונען אַ פעלד וואו ער קען אַרבעטן פאַרן וואויל און בעסטן פאַר דער מענטשהייט. שאַפן אַ נייעם לעבן, אַ בעסערן, אַ שענערן לעבן, אַ מענטשלעכן.

ער האָט געקעמפט מיט זיין גאַנצן האַרצן דעם קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכהייט. אין חיימ׳קען האָבן געברויזט אומדערשעפּלעכע כוחות. ער האָט געוואָלט אומברענגען אומרעכט, פאַלשקייט און אָרימקייט און איינפירן אַ בעסערע אָרדענונג . . .

און איצט, ווען מיר פייערן זיין 70-יאָריקן יובילייֿ, זע איך מיין חיימקען, מיין יוגנט-פריינט, נישט עלטער געוואָרן, פאַרקערט, אינגער, כאָטש שניי-ווייס זיינע האָר, כאָטש עטוואָס געבויגן זיין גוף, אָבער נישט זיין נשמה זיין פייער-פלאַם פלאַמט נאָך מיט מער יוגנט און כוח!

ווען איך קוק אויף דיר, מיין יוגנט-פריינט, זע איך אין דיר די זעלבע פרייד, וואָס איך האָב אין דיר געזען אין אונדזער שטעטל קוידאַנאָוו. נו, טאָ גיי אָן מיט דיין אַרבעט פאַר פיל און פיל יאָרן, און זינג, חיימ׳קע, זינג די נישט-אויסגעזונגענע ליד, זינג און שאַף אַ בעסערן לעבן, אַ בעסערע מענטשהייט, אַ פרייע, אַ שיינע, אַ ליכטיקע וועלט.

⁂

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

ווענן חיימ׳ס פריזיוו, ווען ער איז געקומען מיט 8 יאָר שפּעטער אין קוידאַנאָוו מיט זיין שיין ווייבעלע, וועט מען דאַרפן שרייבן ביי אַ צוויי־טער געלעגנהייט, צו זיין 71־יאָריקן יובילײ אין דער ענגלישער אויסגאַ־בע.

⁂

נו, און מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק טרעף איך שוין חיימ׳ען אין ברוקלין מיט אַ שיינער פאַמיליע. זיין שיינע פרוי מיט 6 קינדער. האָבן מיר זיי איינגעלאַדן צו מיין פאָטער אין הויז. אַהאַ, ווי ער האָט זיך אַוועק־געזעצט און זיך צערעדט מיט מיינע עלטערן, ערשט ער צעזינגט זיך, אָבער אַזוי הויך און שיין. און ער דעקלאַמירט. מיר האָבן זיך מיט אים מחיה געווען. דערנאָך זיינען אַוועק 2 צענדליק יאָר. פּלוצלונג קריגן מיר אַן איינלאַדונג צו זיין 70־יאָריקן יובילײ. זיינען מיר געקומען. און ווי פריילעך עס איז אונדז געוואָרן אויפן האַרצן ווען עס האָבן זיך אַוועק־געשטעלט זיינע חברים און פריינט און אָנגעהויבן לויבן מיין חיימ׳ען מיט אַזוי פיל לויב־געזאַנגען. מע דערציילט ווי ער דינט אַזוי געטריי דער באַוועגונג צו זייערע שמחות און פירט אָן אָפּען־עיר מיטינגען, פאַר־שפּרייט דאָס געדרוקטע וואָרט. מיר האָבן פאַרבראַכט אַן אומפאַרגעס־לעכן אָוונט.

האָבן מיר טאַקע איינגעלאַדן חיימ׳קען צו אונדז אַהיים און איך האָב מיט אים געהאַט אַן אינטערוויו:

„דערצייל מיר, ברודערקע, וואָס טוסטו פאַר אַ לעבן צו מאַכן?" ענטפערט ער, אַז ער איז אַ „ריטאַירד" קבצן. אָבער דו אַרבעטסט? ענטפערט ער: אַרבעטן האָב איך קיין צייט ניט. אָבער פאַרט? ענט־פערט ער: מאַשינעס „פּיקס" איך, לידער זינג איך, ליטעראַטור פאַר־קויף איך, און באַלאַנג נאָך צו 6 אָרגאַניזאַציעס. אָבער ווי פאַרברענגסטו די צייט?

און דאָ האָט ער זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פריילעכן געמיט: אָט וועל איך דיר, אַבעלע, דערציילן. אין די ווינטערדיקע מאָנאַטן טרעט איך אויף צו די וועטשערינקעס פון די קינדער־שולן פון אָרדן, אין אַמבידזשאַן און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. נו, אין די זומערדיקע מאָנאַטן פיל איך זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. און ער רעכנט אויס: אָפּען־עיר מיטינגען, פאַר־ווײלונגען אין די פאַרקס. אָנהויבנדיק פון די בראָנקס, קלערמאָנט פאַרק, קראָטאָנאָ פאַרק, פּאַלהעם בעי פאַרק. אין ברוקלין, בראָנזוויל, האָבן מיר

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

אַ פראָספעקט פאַרק, לינקאָלן טערעס פאַרק, מילער עוועניו פאַרק, און נאָך אַ פאָר פאַרקס. קום איך אַריין אין אַ פאַרק, דערציילט ער, צו אַ פיקניק, ווערט לעבעדיק. מיר הייבן אָן מיט מאַסן־געזאַנג. דערוויייל קומען צו אַנדערע פאַרוויילער. מיר האָבן געזאַמלט פאָנדן פאַר די קינדער־שולן, פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט”, פאַרן איקאָר־אַמבידזשאַן, פאַרן ראָשיען רעליף און פאַר די יתומים אין די חרוב'ע לענדער. און אַלעמאָל האָט מען מיך רעספעקטירט, אָבער לעצטן זומער האָב איך געהאַט אַביסל עגמת־נפש. אין לינקאָלן טערעס פאַרק, ווען איך האָב זיך געשמאַק צעזונגען אויף די טענער פון יאָסל קאָטלער'ס באַרימט ליד „שמחה מיט דער אידענע”, האָבן זיך אַלע צעלאַכט, קוקנדיק אויף אַ געשוואָלענעם לענדלאָרד, וואָס איז דאָרטן געזעסן. שפּעטער צו, ווען עס איז געקומען צו מאַכן דעם אַפּיל פאַר אַ געלט־זאַמלונג, שרייט אויס דער לענדלאָרד: איר באַליידיקט אונדזערע לענדלאָרדס, וועל איך אייך שוין מער ניט געבן קיין געלט און איר וועט שוין אין פאַרק קיין געלט ניט זאַמלען.

אויף מאָרגן, ווי איך שטיי מיר אַזוי אין פאַרק און זינג, גייט צו צו מיר דער פאַרק־פאָליסמאַן און זאָגט מיר, אַז די פאָליציי וויל מיך זען. גיי איך צו. זיצן זיך צוויי פאָליציי־לייט אין זייער אויטאָמאָביל און פרעגן מיך, וואָס איך טו דאָ. ענטפער איך, אַז איך זינג און זאַמל געלט. פרעגן זיי פאַרוואָס איך זאַמל געלט, ענטפער איך, אַז מיר זאַמלען געלט צו העלפען איבערבויען די חרוב'ע לענדער אין אייראָפּע און צו שטיצן די פאַרבליבענע יתומים, וואָס די נאַציס האָבן אויסגע'הרג'עט זייערע עלטערן, העלפען פאַלעסטינע. פרעגן זיי: ווער זיינען די אָנפירער, ענטפער איך, דער אידישער פראַטערנאַלער פאָלקס־אָרדן, איך בין אַ מיטגליד פון בר. 121. און איך דערצייל זיי ווער איך בין. נו, זאָגן זיי, דו ביסט מיד, גיי אהיים, עס איז שוין איצט שפּעט. ענטפער איך, אַז אהיים קען איך ניט גיין, ווייל די מענטשן אין פאַרק וואַרטן אַז איך זאָל פאַר זיי זינגען. פרעגן זיי, דו קענסט זינגען? ענטפער איך, אָט דערפאַר האָט מען מיך געמאַסערט, ווייל דער יעניקער וואָס האָט גערופן פאָליציי איז אויף מיר אייפערזיכטיק. האָבן זיי זיך צעלאַכט. און ווען איך בין צוגעגאַנגען צוריק צו מיינע צוהערער, איז געוואָרן אַ פרייד און מיר האָבן זיך צעזונגען.

ווען אַלע מענטשן זיינען זיך שוין צעגאַנגען אַהיים און נאָר עטלעכע זיינען פאַרבליבן, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ פרוי מיטן נאָמען בערטאַ פיינסטיין און זאָגט צו מיר: מיסטער זינגער, איר האָט נעבעך היינט געהאַט אַ שרעק, טאָ נאַט אייך צען דאָלער. וויל איך איר געבן אַ קבלה,

זאָגט זי, מען דאַרף ניט, איר האָט דאָס ערלעך פֿאַרדינט. דערקלער איך איר, אַז דאָס געלט גייט פֿאַר אַ וויכטיקן צוועק: רעהאַביליטאַציע פֿאָנד. ענטפֿערט זי: ווען מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזט עטלעכע דאָלער פֿאַר צדקה, גיט זי די צען דאָלער פֿאַר צדקה. (איר פֿאָטער'ס נאָמען איז מאיר כּייקין, געווען געדרוקט אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט").

אויך מיט צוויי יאָר צוריק האָט מען מיך אַרעסטירט אין פֿאַלהעם־בעי פּאַרק, אויך אַ מסירה פֿון איינעם וואָס איז אים ניט געפֿעלן געוואָרן מיינס אַ לידל „לייג אַוועק דעם שיסער כאַנין". איך האָב באַצאָלט צוויי דאָלער שטראָף.

און היינט, ווען איך מאַך מיר אַ רייזע אויף דער פּראָווינץ, שיקאַגאָ, דולוט, מינעאַפּאָלעס און סענט־פּאָל, טרעט איך אויף צו זייערע פּיקניקס און מע מאַכט פֿאַר מיר שמחות, דערהויפּט אין דולוט. ווען איך קום אַהין פֿאַר אַ פּאָר וואָכן, איין מאָל אין יאָר, איז אַלע אָוונט אַ שמחה. און מיר זינגען און פֿאַרברענגען פֿריילעך, ווייל אין דולוט האָבן מיר געוואוינט 12 יאָר און זיך געמאַכט אייביקע פֿריינט. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דולוט אין 1905 איז דאָרטן געווען אַ פּוסטעניש אין דעם זין פֿון קולטור־רעלן לעבן. האָב איך מיט מיין פֿרוי געגרינדעט אַ סאָציאַליסטישן לאָקאַל, אַן אַרבעטער־רינג ברענטש 353, אַ ליידיס אָקזילערי, אַ אידישע ביבליאָטעק, אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סעקציע. געוויינטלעך מיט דער הילף פֿון די דולוטער חברים. ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעצויגן פֿון דולוט, איז ווידער געוואָרן שטילער דאָס קולטורעלע לעבן, איז דערפֿאַר פֿלעגן זיי אַזוי אָפּשאַצן אונדזער קומען מיט גאַסט־פֿריינטלעכקייט.

און וועגן דעם וואָס דו זאָגסט, אַז איך זינג און טו אַנדערע זאַכן, ווייל איך האָב דערפֿון פֿאַרגעניגן, זאָלסטו וויסן, אַז פֿיל מאָל האָב איך אויך האַרץ־ווייטיק. אָט ווען איך שטיי און זינג און אַנדערע ברעכן מיר אונטער, אָדער ווען איך שטיי אויף אַ פּלאַטפֿאָרם און רעד און מען שרייט און מען וואַרפֿט מיר פֿאָר אַ גראָב וואָרט, ווייל אונדזערע קעגנער האָבן ניט קיין איידעלע אויסשפּראַך, אַ דאַנק דער געלער פּרעסע, אויף וועלכער זיי האָדעווען זיך, אָבער אָט־די אַלע זאַכן וועל איך פּרובירן אַרויסברענגען אין דער ענגלישער אויסגאַבע צו מיין 71־יאָריקן יובילייַ.

און צום שלוס וויל איך אייך דערציילן, וואָס עס האָט פּאַסירט אין 1932. דו געדענקסט דאָך מיין הויז אין עשפּאָרד סטריט. אַנטקעגן מיין הויז איז געווען אַ טשיקן־מאַרק. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, איך גיי מיר

קויפן פרישטיק, ערשט איך זע אַ פּיקעט־ליין לעבן טשיקן־מאַרק. אַ געוויסער טוער פון אונדזער באַוועגונג, חבר ראָזענבערג און נאָך 2 חבר׳טעס, מאַרשירן אויסגעפּוצטע מיט זייערע „סענדוויטש״־שילדן, פרעג איך זיי, צי זיי האָבן שוין געגעסן, שווייגן זיי. בין איך אַריין צוריק אין הויז און זיי אַרויסגעטראָגן אַ טשייניק מיט קאַפע, בייגל, קעז און פּוטער און איך האָב אָנגעטאָן דעם „סענדוויטש״־שילד און זיך הויך צעזונגען. קומט אַרויס דער שוחט און שרייט אויס: גאָט איז מיט אייך, ר׳ חיים, מיר זיינען דאָך שכנים. ענטפער איך אים: איצט זיינען מיר שונאים! אַז איר וועט סעטלען דעם סטרייק, וועלן מיר ווידער ווערן גוטע שכנים. דער סטרייק אז געסעטלט געוואָרן. איך האָב אויף מיין לעבן פיל מאָל געהאָלפן פּיקעטן. אַזוי בין איך עס אַלע מאָל געוועזן פאַרנומען.

איז אָט האָסטו, אבעלע, — האָט חיים׳קע פאַרענדיקט, — אַן ענטפער אויף דיין פראַגע וואָס איך טו גאַנצענע טעג. און דערפאַר האָבן דאָס 4 בראָנזווילער אָרגאַניזאַציעס פאַר מיר דורכגעפירט מיין 70 יאָריקן יובילײ און געשאַפן 570 דאָלער פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט״.

אַ באַגריסונג פון דעם דיכטער אהרן קורץ

טייערער חבר חיים זינגער:

ס'איז אַ פרייד צו באַגריסן אַ זיבעציק יאָריקן אידן וואָס פירט זיך אַזוי ווי איר.

זינגען פ אַ ר ן פאָלק, און מ י ט ן פאָלק — ווי איר טוט עס — איז צו געזונט דעם פאָלק, און צו געזונט אייך. אַ סימן האָט איר: דאָס פאָלק ווערט פריילעכער, און איר ווערט אינגער ווען איר זינגט. אָפּ־זינגען אַ לעבן מיטן פאָלק — אַזוינע לידער ווי א י ר זינגט — איז די שענסטע פּראָגראַם פון אַ מענטשנס לעבן.

אייערע זיבעציק יאָר זעען זיך ניט אָן אויף אייך, קיין עין־הרע! איז מיר גאָרניט שווער צו זיין אַ נביא, און אייך פּאָראויסזאָגן, אַז פּונקט אַזוי ווי איר האָט דערלעבט צו זען אין די פאַרגאַנגענע דרייסיק יאָר אַ גרויסן טייל פון דעם אינהאַלט פון די לידער וואָס איר זינגט פ אַ ר ו ו י ר ק ־ ל ע כ ט, אַזוי וועט איר אין די ק ו מ ע נ ד י ק ע דרייסיק יאָר דער־לעבן זען דעם איבעריקן טייל אינהאַלט פון די זעלביקע לידער פאַר־ווירקלעכט: וואָס איר האָט דורך יענע דרייסיק יאָר געזען פאַרווירק־לעכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און, לעצטנס, אין אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער, וועט איר זען אין די קומענדיקע 30 יאָר פאַרווירקלעכט אין לענ־דער אויף אַלע קאָנטינענטן.

זינגט און פרייט זיך מיטן פאָלק — און דאָס פאָלק וועט שוין דאָס איבעריקע מאַכן.

לחיים ולשלום ולזינגער

ביז אייער הונדערטסטן —

אהרן קורץ.

צום חיים זינגער יוביל־קאָמיטעט.

טייערע פריינט: זייט אַזוי גוט און לייענט פאַר די באַגריסונג ביי דער פייערונג לכבוד אונדזער אַלעמענס פריינט, חיים זינגער.

איך שליס זיך אָן אין דער פייערונג פון אונדזער יוגנטלעכן און פריילעכן פריינט חיים זינגער צו זיין 70־יאָריקן געבורטסטאָג.

איך שיק מיינע ברכות און אין נאָמען פון דעם אידישן שרייבער, קינסטלער און וויסנשאַפטלער קאָמיטעט, ווינטשנדיק חיים זינגער'ן פאַר־צוזעצן זינגען און ברענגען פרייד צו אַזוי פיל מענטשן, ווי ער האָט דאָס געטאָן פאַר פיל יאָרן. איך ווינטש אים פיל יאָרן געזונט און קראַפט צו קענען פאָרזעצן זיין אויסגעצייכנטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

חבר'יש, נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע, שרייבער, קינסטלער און וויסנ־שאַפטלער קאָמיטעט, ש. אַלמאַזאָוו, גענעראַל־סעקרעטאַר.

שלום-וואָרט פון חיים זינגער

איבערלייענענדיק מיין לעבנס-געשיכטע פאַר די לעצטע 59 יאָר, אָנ-הייבנדיק פון 11 יאָר ביז זיבעציק, בין איך געבליבן זיצן. עס האָבן מיר געגומען פליען דעראינערונגען אַזוינע טייערע, שטורעמדיקע, פיל פּאַ-סירונגען וואָס איך האָב מיין לעבן איינגעשטעלט אין קאַמף פאַר דעם געפּלאָגטן אַרבעטער. אָנהייבנדיק פון קוידאַנאָוו, מעליטאָפּאָל, סימפּע-ראָפּאָל און אָדעס. און אין אַמעריקע, האַרלי, איירנוואוד, דולוט, און אין 1919, ווען איך בין אָנגעקומען אין ברוקלין. אויף וויפיל איך קען זיך דערמאָנען, האָב איך ניט פאַרפעלט קיין איין דעמאָנסטראַציע, קיין איין מיטינג אָדער קאָנפערענץ. עס האָט דאָך דערפון געקענט באַשאַפן ווערן אַ גרויסער בוך.

אָבער די געדריקטע אומשטענדן האָבן ניט דערלויבט אָנצוגיין מיט אַ גרעסערער אויסגאַבע. מיר האָבן אָנאָנסירט, אַז דער בוך וועט אַרויס-גיין אין 128 זייטן, אין אידיש און אין ענגליש. אָבער ער איז אַרויס נאָר אין אידיש אין 88 זייטן. דערפאַר געפין איך פאַר נויטיק זיך צו אַנט-שולדיקן פאַר די אַלע אַבאָנענטן. איך זאָג צו צו מיין 71-יאָריקן גע-בורטסטאָג וועלן מיר אַרויסגעבן אַן ענגלישע בראָשורע, וואו עס וועלן דערמאָנט ווערן זייער פיל פּאַסירונגען פון מיין לעבן און קאַמף, וואָס זיי-נען אין דער אידישער אויסגאַבע ניט אַריין.

באַזונדערס וועט אַריינגיין אַ ליכטיקער קאַפּיטל וועגן מיין פאַר-שטאָרבענער פרוי פעני. זי האָט מיך פיל אינספּירירט צו ווערן אַן אי-בערגעגעבענער קעמפער.

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק אַט די אַלע, וואָס האָבן מיך גע-שטיצט פינאַנציעל, דאָס זיינען די חברים מעקס און פעני בלאַק. און די קינדער פון מיין געוועזענעם באַלעבאָס טעוויע דער שטעפער און זיין פרוי גוטע, אייב האָראָוויטש און זיין פרוי און יעשיע, יצחק און מאיר און טע-מע. און מיינע קינדער אַ האַרציקן דאַנק — און אַלע אַבאָנענטן.

חבר'יש,

חיים זינגער, דער בראָנזווילער פאָלקס-זינגער.

דער פאָלקס־זינגער פון בראָנזוויל

שלום־וואָרט

די זאַמלונג שעפּט זיכער ניט אויס אַלע מאַטעריאַלן וועגן חיים זינ־גער. מיר האָבן כמעט ניט איבערגעדרוקט די גרויסע צאָל אַרטיקלען, וואָס חיים זינגער האָט אָפּגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט״. מיר האָבן געפּרוּווט צונויפשטעלן אַ באַשיידן ביכל וועגן חיים זינגער צו זיין 70־יאָריקן יובילײ.

איך וויל זיך נעמען דאָס רעכט אויסצודריקן אַ וואונטש אין נאָמען פון די טויזנטער און טויזנטער פריינט, מיטגלידער פון די מאַסן־אָרגאַני־זאַציעס, אַז חבר חיים זינגער זאָל לעבן ביז 120 יאָר און ער זאָל זיין געזונט און שטאַרק צו קענען באַדינען און פאַרווײלן די אידישע מאַסן.

מיר האָבן געדרוקט די ערשטע אויסגאַבע פון דעם ביכל אין אַ באַ־שיידענער צאָל קאָפּיעס. מיר האָפן, אַז איר, וואָס האָט ערשט פאַרענ־דיקט לייענען דאָס ביכל, וועט העלפן פאַרשפּרייטן אַ צאָל קאָפּיעס צווישן אייערע פריינט און באַקאַנטע.

אויב צווישן די לייענער וועלן זיך געפינען אַ צאָל פריינט, וואָס וועלן זיין פאַראינטערעסירט צו שאַפן אַ פאָנד אַרויסצוגעבן אַ צווייטע אויסגאַבע, אַ רייכערע, מיט בילדער, מיט אַלע אַרטיקלען, מיט אַלע מאַ־טעריאַלן, — וועלן מיר זיין זייער צופרידן.

מיר בעטן זיך דורכשרייבן וועגן די דערמאָנטע ענינים מיטן צו־נויפשטעלער פון דער זאַמלונג אויף דעם אַדרעס:

S. DAVIDMAN
3109 Brighton 7th Street
Brooklyn 24, N. Y.

אויב איר האָט עפּעס אויסבעסערונגען צו דער זאַמלונג, אָדער בכלל באַמערקונגען, שרייבט צו ש. דאַווידמאַן.

אויב עס וועלן דערשיינען אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס, קריטישע באַמערקונגען, — לאָזט אונדז וויסן.

:: :: ::

און צו אייך, טייערער חבר זינגער, שרייב איך צו די לעצטע ווער־טער: נעמט צו די מתנה פון אונדז. זאָל דאָס זיין אונדזער באַשיידענער דאַנק־אויסדרוק פאַר אייער אומדערמידלעכער טעטיקייט פאַר די ברייטע אידישע מאַסן. האָט ניט קיין פאַרדרוס, וואָס ס׳איז ניט רייך אַרויסגע־געבן. קבצנים קענען זיך ניט דערלויבן קיין לוקסוס, אָבער זיי גיבן אייך זייערע הערצער, זייערע ברכות און גוטע וואונטשן און זייערע דאַנקען.

אייער, שלמה דאַווידמאַן.

דער פאָלקס-זינגער פון בראָנזוויל

אינהאַלט:

אַ ליד פון חנה סאַפּראַן „חיים זינגער" — — — — — — — — — — — 5
חיים זינגער (אַריינפיר) — — — — — — — — — — 6
וועגן דער זאַמלונג — — — — — — — — — 7
אָלגינ'ס בריוו און דעראינערונגען וועגן מ. אָלגין — — — — — — — 8
אַ בריוו און אַ ליד פון כאַשמאַל — — — — — — — — — 10
היטלער'ס מפלה, אַ ליד פון חיים זינגער — — — — — — — — — 11
וועגן אברהם רייזען — — — — — — — — — — 12
חיים זינגער אַן אַרבקאַר — — — — — — — — — — 17
אַ ליד פון ד. שולמאַן וועגן חיים זינגער — — — — — — — — — 19
חיים זינגער'ס ביאָגראַפיע און אַקטיוויטעטן — — — — — — — — — — — 20
אַ באַליבטער פאָלקס-זינגער פון ס. ד. לעווין — — — — — — — — 54
אַ צעטל פון אָרגאַניזאַציעס וואו זינגער איז אויפגעטראָטן — — — — 68
די אוצרות פון חיים זינגער — — — — — — — — — — — 69
באַגריסונגען פון:
מרדכי דוד בן יעקב שמעון לינדנבאום
ר. יוקלסאָן, רעדאַקטאָר פון „טריבונע"
בייטן, פרענסיס און עללאַ מעי סענטער
יוסף וויינשטיין
קלמן מרמר
הערי פּאָדאָלקי, שיקאַגע
טעלעגראַפישע באַגריסונגען
באַגריסונגען פון די קינדער און אייניקלעך
נאַציאָנאַלע „מאָרגן-פרייהייט"-פאַרוואַלטונג
וואָלף ווייס און משפחה
אַהרן קורץ
ש. אַלמאַזאָוו
ליד פון מאיר פערלין — — — — — — — — — — — 71
לכבוד קוידאַנאָווער באַפרייאונג — — — — — — — — — — — 74
זכרונות וועגן מיין יוגנט-פריינט חיים זינגער פון אבא הורעוויטש — 78
שלוס-וואָרט פון חיים זינגער — — — — — — — — — 86
שלוס-וואָרט פון שלמה דאַווידמאַן — — — — — — — — — — — 87